הַךְ הַכַּפְתּוֹר וְיִרְעֲשׁוּ הַסִּפִּים :
(עָמוֹס ט׳ א׳.)

שמרים משפּט

שער די שאַט װעלען ציטערן די לאַמעלאַה.
(אַ יודעש װאָרטעל)

Allan Tomlinson

שמר׳ס משפט.

אָדער

דער סיד פריסיאושניג אויף אללע ראמאנען פון ש׳מ׳ר.

סטענאגראפירט ווארט-אם-ווארט

דורך

שלום עליכם.

—※—

ברדיטשוב

דרוק פון יעקב שעפטיל

שנת תרמ״ח לפ״ק

Дозволено Цензурою Кіевъ, 30 Марта 1888 года.

БЕРДИЧЕВЪ
Въ Тип Я. Г. Шефтеля.

שָׁמַרְ'ס מִשְׁפָּט.

אִין אַ גְרויסֶער זַאל, אַרוּם אַ גְרִינֶעם טִישׁ, אויבֶּען אָן זִיצְט דֶער פְּרֶעדְסֶעדַאטֶעל, אַיין אַלְטֶער מַאנְן; נֶעבֶּען אִיהְם פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען צְווַיי טִשְׁלֶענֶעם; בַּא דֶער זַייט, אִין דֶער לִינְקֶער הַאנְט, בַּא קְלֵיין טִישֶׁעל זִיצְט דֶער פְּרָאקוּרָאר, אַ בֶּאזֶער יוּנְג מִיט פַייֶערִיגֶע אויגֶען; אַקֶּעגֶען, אִין דֶער רֶעכְטֶער הַאנְט, אויך בַּא קְלֵיין טִישֶׁעל, זִיצְט דֶער זַאשְׁטְשִׁיטְנִיק, דֶער אַדְוָואקַאט, אַ לֶעבֶּעדִיגֶער, אַ פְרֵייהְלִיכֶער יוּנְגֶערְמַאנְן; אַבִּיסֶעלֶע וַוייטֶער זִיצְט דֶער סֶעקְרֶעטַאר בַּא גַאנְץ גְרויסֶען טִישׁ, אויף וֶועלְכֶען עֶס לִיגֶען אָנְגֶעוָוארְפֶען אֵיינְס אויפ'ן אַנְדֶערֶען אַ הַאלְבֶּע מֵאָה בִּיכֶער „הֶעכְסְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע רָאמַאנֶען פוּן **שׁ'מ'ר**", אוּנ אויך פֶערְשִׁיעדֶענֶע וֶוערְקֶע פוּן אברמאוויטש, לינעצקי, דיק, ספעקטאר, בוכבינדער, בעקקערמאנן, אולריך קאלמוס, צימבלער, עוזר בלאשטיין, מאראהאווסקע, א.ז.וו. נֶעבֶּען אַדְוָואקַאט, צְווִישֶׁען גְרַאטֶעס, אויפ'ן בֵּיינְקֶעל, וָואס סֶע הֵייסְט „סְקַאמְיַא פָּאדְסוּדִימִיךְ" זִיצְט דֶער פָּאדְסוּדִימֶע **שׁ'מ'ר**, אַ יוּד נִישְׁט גַאנְץ אַלְט אוּנ אויך נִישְׁט זֶעהְר יוּנְג, נִישְׁט גַאנְץ שְׁוַוארְץ אוּנ אויך נִישְׁט זֶעהְר וַוייס, נִישְׁט גָאר מִיאוּס, אָבֶּער אויך נִישְׁט קֵיין פַארְשׁוין . . . אַקֶעגֶען, אויף צְוֶועלְף בֵּיינְקְלֶעךְ, זִיצֶען דִי צְוֶועלְף בֶּעשְׁוָוארֶענֶע, ד"ה. דִי פְּרִיסְיַאזְשְׁנֶע זַאסְיֶעדַאטֶעלֶעם, פוּן פֶערְשִׁיעדֶענֶע קְלַאסֶען, אָרֶעם אוּנ רַייךְ, יוּנְג אוּנ אַלְט .

די זאל איז פולל מיט מענטשען; דאס פובליקום בעשטעהט פון פשוטע יודען, פונ'ם המון-עם, וואס פארשטעהט ניט קיין אנדערע שפראך, חוץ זשארגאן; סע איז אויך דא פולל ווייבער, מיידלאך, האלב-געבילדעטע מאמזעלען און אויך חדר-יונגלאך.

אין זאל איז אזוי שטיל, אז מע קאן הערען א פליג דורכפליהען! אללע אויגען זענען אויפגעהויבען אויפ'ן פאדסודימע **ש'מ'ר**, וועלכער האלט זיך מיט גרויס גדלות, ווי א מענטש, וואס פארשטעהט זיין ווערטה . . . דער סעקרעטאר שטעהט אויף פונ'ם ארט און הויבט אן צו לעזען דעם אבוויניטעלני אקט אויף א קול:

„שוין א יאהר צוואנציג — לערך, אז דער יודישער זשארגאן האט אנגעהויבען צו בעווייזען סימנים פון א שפראך, צו ריהרען מיט איין אבר, ארויס ווייזען א בעוועגונג. אזעלכע דריי ריזין, ווי אברא מא-וויטש, לינעצקע, גאלדפאדען אין פוילען; און אייזיק מאיר דיק, אין דער ליטא: האבען זיך געפיעלט גענוג אין כח צו שטעללען דעם זשארגאן אויף די פיס, אריבער טראגען איהם פון דער -צאינה וראינה- מיט'ן טייטש חומש אין דער לעבעדיגער ליטעראטור אריין, פון דער בבא-מעשה אין דעם ראמאן אריין, פונ'ם שבחי בעש"ט אין דער פאעזיע, פון די תחינות אין דער סאטירע אריין. די דאזיגע פיר גיגאנטען, גרויסע לייט, האבען באשאפען א נייעם זשארגאן און האבען אריין געבלאזען דעם אייראפעיעשען דוך אינ'ם אלטען זשארגאן — און עס זענען אויסגעוואקסען לעזער מאססען-ווייס! דער עולם האט זאך א נעם געטוהן צום זשארגאן מיט'ן ענטוזיאזם, מיט דער היטץ פונ'ם יודישען פאלק, און ס'איז כמעט ניט געווען די יודישע שטוב, וואו מע האט זאך ניט געהאלטען

בַּא דִי זַייטֶען פַאר גֶעלֶעבְּטֶער פוּן דֶעם „פּוֹילִישֶׁע׳ן יוּנְגֶעל״ פוּן ל י נ ע צ ק י, וֶועלְכֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעדְרוּקְט אִינְ׳ם עֶרְשְׁטֶען יוּדֶעשֶׁען בְּלַאטְט „ק ו ל מ ב ש ר״, רֶעדַאקְטִירְט פוּן צ ע ד ע ר ב ו י ם, גֶעזוּנְגֶען דִי אוּנְשְׁטֶארְבְּלִיכֶע, זִיסֶע לִיעדֶער פוּן ג א ל ד פ א ד ע ן, גֶעשְׁלוּנְגֶען, גֶעדֶעקְלַאמִירְט, אִיבֶּער גֶעהַאזֶערְט דִי שֶׁאנֶע סְצֶענֶעס פוּן א ב ר א ־ מ א ו ו י ט ש ע ס טַ א קְ סֶ ע א. ד. ג. הַכְּלַל דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ לִיכְטִיגֶער מָאמֶענְט אִין דֶער הִיסְטָארְיֶע פוּנְ׳ם זְשַׁארְגָאן, אַ גְלִיקְלִיכֶעס שְׁטִיקֶעל צַייט אִינְ׳ם יוּדֶעשֶׁען לֶעבֶּען בִּכְלַל, וֶועלְכֶס יוּדֶען דֶערְמָאנֶען נָאךְ עַד הַיּוֹם מִיט גְרוֹיסְפֶּערְגְנִיגֶען . . .

נָאר צוּזַאמֶען מִיט דֶער לִיכְטִיגֶער זוּן זֶענֶען דִי פִינְסְטֶערֶע שָׁאטֶענְס. דָארְט, וואוּ עֶס וַואקְסֶען פְרוּכְטְבַּארֶע בּוֹימֶער, שְׁפְּרָאצֶען אוֹיךְ אַרוֹיס פֶּעטְשֶׁערִיצֶעס, אוּנ אַרוּם רוֹיזֶען גֶעפִינְט אִיר דֶערְנֶער. אִין יֶעדֶער לִיטֶערַאטוּר גֶעהְט אוֹיף אַיין סְטֶעשְׁקֶע דֶער גְרוֹיסֶער טַאלַאנְט מִיטְ׳ן קַאלֶיעקֶע דֶעם טוֹיגֶענִיכְטְס; נָאכְ׳ן שֶׁאנְסְטֶען גִבּוֹר, נָאכְ׳ן לֵייבּ פוּזְשֶׁעט נָאךְ אַ קְלֵיין וֶוארֶעמְ׳ל. וֶוען דֶער גְרוֹיסֶער טַאלַאנְט, דֶער גֶענִי זָאהְל שְׁטֶענְדִיג עֶקְסֶעסְטִירֶען אוּנ בַּאשִׁיצֶען דִי לִיטֶערַאטוּר מִיט זַיינֶע פְלִיעגְלֶען, וָואהְלְט דָאס וֶוארֶעמְ׳ל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין וֶוערְטְה; נָאר אַזוֹי וִוי דָאס טְרֶעפְט זִיךְ זֶעהְר זֶעלְטֶען, הוֹיבְּט אָן פוּנְ׳ם וֶוארֶעמְל וֶוערֶען אַ גְרוֹיסֶער וָוארֶעם אוּנ דֶער שָׁאדֶען פוּן אִיהְם אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז דֶער עוֹלָם הוֹיבְּט אָן צוּ זוּכֶען מִיטְלֶען אַרוֹיסְצוּרֵייבֶערֶען אִיהְם מִיט זַיין גֶעדֶעכֶענִישׁ, נָאר נִיט אַלֶע מָאהְל גֶעהְט עֶס אָפּ גְלַאט . . .־דִי בֶּערִיהְמְטֶע פָאלְקְסְשְׁרַייבֶּער, וֶועלְכֶע זֶענֶען אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט אוֹיבֶּען, הָאבֶּען אַנִידֶער גֶעלֵייגְט זַייעֶרֶע כְּלֵי־זַיִן אוּנ דָאס פָאלְק הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען בִּיסְלֶעכְוַויִיס אָן זֵיי צוּ פֶערְגֶעסֶען. אָט דֶעמָאלְט זֶענֶען אַרוֹיס גֶעקְרָאכֶען

די קליינע ווארעמלאך פון זייערע נארעס און האבען אנגעהויבען צו לייגען אייער, זאך פרוכפערען און מעהרען -- און עס האבען זאך א שאט געטוהן פון אללע ווינקעלאך טאראקאנעס, נעסטלאך, זשוקלעך אללערליי און האבען פארפאסקודיגט דעם זשארגאן מיט אזעלכע מיאוסקייטען, אז ער וועט זאך דארפען לאנג ריינינגען און וואשען, ביז ער וועט ווערען לייטענגליך.

ווי זאמד און מיסט האבען זאך א שאט געטוהן, זשארגאניסטען, פאלקסשרייבער, ראמאנמאכער'ס און מע האט אזוי אנגעפיהלט דעם זשארגאן מיט ראמאנען — און מיט וואסערע ראמאנען ?! — אז מע האט פארפלייצט מיט זיי די וועלט, און מע האט אזוי פערדארבען דעם געשמאק פונ'ם פובליקום, אז אויסער א ראמאן וויל קיינער אין די הענט נישט ארײן נעמען קיין אנדער ווערק! נאך מעהר. אללע לעזער זענען געווארען שרייבער, אללע יונגלאך, אללע ליידיג-געהערס — ראמאניסטען! סע איז גענוג אז א ליאדע יונג זאהל איבער-לעזען עפעס א ביכעל, א פרעמדען ראמאן, ווערדט ער שוין א ראמא-ניסט; ער מאכט נאר איבער די נאמען פון די העלדען און גיט דאס א יודעשען נאמען און פערקויפט דעם „ה ע כ ס ט א י נ ט ע ר ע ס א נ-ט נ ע ם ר א מ א ן” אין פיר טהייל מיט איין עפילאג, דאס גאנצע ווערק דעם לעצטען פאקענטראגער, דעם מוכר ספרים פאר א ביגעל; דער פאקענטראגער ווערדט איין הערויסגעבער און דער י ו נ ג א ט ש ווערדט א פאלקסשרייבער, א ראמאניסט און דער המון-עם נעמט דאס אן פאר סחורה און סע געהט א גאנג.

נאר דער גראסטער, דער פרוכטבארסטער, דער רייכסטער פון אט די אללע טאראקאנעס, נעסטליך און ווערעמלאך, איז דער גרויסער

ראמאנמאכער, אונזער פּאדסודימע **ש׳מ׳ר.**

דער דאזיגער בחור האט זאך גענומען ניט אויפגעלעכטער צו פארטרייניקען דעם זשארגאן מיט זיינע אונמאגליכע, וואסעריגע ראמאנען, מיט זיינע ווילדע משונה ווערק, וואס שטעהען נידריגער פון יעדער קריטיק, אונ וואס זענען בפירוש שאדלעך פאר די לעזער, ווי סם המות, דען ער פערדארבט זיי דעם שאנסטען געפיעל מיט אזעלכע מוראדיגע פאנטאזיעס, מיט אזעלכע ווילדע געדאנקען, מיט אזעלכע הארצרייסענדע סצענעס, וואס דער יוד קאן אן זיי נישט האבען קיין שום בעגריף.

דאס איז געווארען קשה אונזערע פארשטעהער אונ מע האט געזעצט א קאמיסיע אונ געמאכט א סליעדסטוויע איבער א האלבע מאה ראמאנען פון **ש׳מ׳ר** אונ מע איז געקומען צו פאלגענדען שלוסס:

א.) אז כמעט אללע ר א מ א נ ע ן זענען מחילה, געלאטבענט, פון פרעמדע ל י ט ע ר א ט ו ר ע ן.

ב.) אז אללע ר א מ א נ ע ן זענען אויף איין שניט.

ג.) אז דער ראמאנמאכער גיבט נישט קיין רעאלנע, קיין אמת׳ע בילדער פונ׳ם יודעשען לעבען.

ד.) אז זיינע ר א מ א נ ע ן קעהרען זיך, דאריבער, מיט אונז, יודען כלל וכלל נישט אן.

ה.) אז די ר א מ א נ ע ן צוהיצען נור די פאנטאזיע אונ קיין שום מוסר, קיין שום מאראל קאנען זיי ניט געבען.

ו.) אַז סֶע גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט נוּר גִיבּוּל פֶּה מִיט צִינִיזְם.

ז.) אַז זַיי זֶענֶען הוֹיךְ-לָוֶה וֶועהְר שְׁלֶעכְט צוּנוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט.

ח.) אַז דֶער פֶערְפַאסְסֶער אִיז, ווִי עֶס וַוייזְט אוֹיס, אַיין עַם הָאָרֶץ.

ט.) אַז קַיין חֶדֶר יוּנְגְלַאךְ מִיט דֶער וואַקְסֶענֶע מֵיידְלַאךְ טָאר מֶען זַיינֶע רָאמַאנֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעבֶּען.

י.) אַז סֶע וָואהְלְט גֶעוֶועען אַ מִצְוָה גְדוֹלָה, אַז מֶע זָאהְל אִיהְם אַרוֹיסְרַייבֶּעןן מִיט זַיינֶע אַלֶּע ווִילְדֶע-מְשׁוּנָה רָ א מַ א נֶ ע ן פוּנְ'ם זְשַׁארְנָאן דוּרְךְ אַ לִיטֶערָער, אַ-בֶּעשְׁטֶענְדִיגֶער קְרִיטִיק.

אָט דָא אוֹיפְ'ן טִישׁ, לִיגֶען פַאר אַייעֶרֶע אוֹיגֶען אַ הַארְבֶּע מַאה רָאמַאנֶען פוּנְ'ם רָאזִיגֶען רָאמַאנְמַאכֶער, וֶועלְכֶע דִיעֶנֶען פַארְ'ן בֶּעסְטֶען בֶּעוַוייז, צוּ וָואס סֶע קָאן בְּרֵיינְגֶען דָאס אוּנְבִּילְדוּנְג פוּנְ'ם פֶערְפַאסֶער, דָאס פְּרָאסְטַקַייט פוּנְ'ם לֶעזֶער אוּנ דָאס שְׁטִילְשְׁוַוייגֶענֶעשׁ פוּן דֶער קְרִיטִיק, וָואס לָאזְט עֶקְסֶעסְטִירֶען אַזֶעלְכֶע רָאמַאנִיקְטֶען בַּיים פָּאלְק."

אַז דֶער סֶעקְרֶעטַאר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט צוּ לֶעזֶען דֶעם אָבְּווִינִיטֶעלְנֶע אַקְט, הָאט זַאךְ דֶעו' עוֹלָם אָן גֶעהוֹיבֶּען אִיבֶּער קוּקֶען אַיינֶער אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען, אוּנדֶער פְּרֶ ע דְ סֶ עַ דַ א טֶ ע ל הָאט זַאךְ גֶעווֶענְדְט צוּם פָּאדְסוּדִימֶע מִיט אַ פְרַאגֶע, אוֹיב עֶר מֶעפִינְט זִיךְ שׁוּלְדִיג לוֹיט דֶעם אָבְּווִינִיטֶעלְנֶע אַקְט? דֶערוֹיף הָאט שׁ'מ'ר גֶעעֶנְטְפֶערְט:

—דֶער גַאנְצֶער אָבְּווִינִיטֶעלְנֶע אַקְט, הֶערְ פְּרֶ ע דְ סֶ עַ דַ א טֶ ע ל אִיז

פון א׳ ביז ת׳, פאלש, אויסגעקלעהרט; דאס וואקסט געווים פון מיינעם א שונא, וואס איז מיר מקנא אויף מיין טאלאנט, אויף מיינע פארשריטע וואס איך מאך אינ׳ם זשארגאן, אויף מיינע ביכלעך, וואס דאס פאלק צוהאפט ווי הייסע לאקשען. איך זאל אזוי זיין געזונד, ווי איך זאג אייך לויטער אמת; סע איז אינגאנצען איבער ק נ א ה, הערר פרעדסעדאטעל, איבער ק נ א ה, איך זאג אייך באמונות, סע איז איבער ק נ א ה!

דער פרעדסעדאטעל האט אווינק געטוהן צום פראקוראר, וועלכער איז אויף געשטאנען און האט זאך געווענדט צום סוד מיט פאלגענדע רעדע.

—הערען סודיעס און הערען פריסיאזשנע זאסיעדא־טעלעס! פאר אונז זיצט אט דא אזא מין פאדסודימע, וואס איז ניט קיין גנב, ניט קיין רוצח, ניט קיין מאשעניק; ער האט ניט געטוהן קיין שום פערברעך; ער האט קיינעם ניט באלײדיגט, בא קיינעם ניט צו־גענומען, קיינעם ניט בדלות געשטעלט — און דאך זיצט ער בא אונז אויפ׳ן ״ביינקעל״, ווי איין אמת׳ער פרעסטופניק, ווי א פאדסודימע.

וואס זשע הייסט דאס? וואס איז מיט איהם דער מעהר? — נאך מיין מיינונג, הערען פריסיאזשנע זאסעדאטעלים, איז ער מעהר פערברע־כער אלס א גנב, א רוצח, א קולער; נישט מיט קיין שווערד, ניט מיט קיין שפיז, ניט מיט קיין שייטהאלץ איז דער דאזיגער גזלן ארויס אויפ׳ן גרויסען וועג צו הרגענען מענטשען, ניין. נישט מעהר ווי מיט א פען מיט א פעדער אין דער האנט איז ער ארויס געטראטען אויף דער אומשולדיגער זשארגאן — ליטעראטור און האט זיך אזוי, ביסלעכווייס, געקוילעט דעם זשארגאן, איבער געפירט דאס געשמאק פונ׳ם פובליקום,

געמאכט א תל פון פילל פשוטע לעזער, וואס זענען, נעבעך, נישט מבחין בין טוב לרע, וואס בלאנזען נעבעך אין דער פינסטער אהן א קריטיק און פערשטעהען נישט, דאריבער, צו מאכען איין אונטע-שיעד צווישען די ווערק פון אבראמאוויטש'ן און צווישען דעם מיסט פון אזא מין מחבר, ווי אונזער פאדסודימע **ש'מ'ר.**

אפנארען א מענטשען, צו נעמען בא איינעם געלט, הרגינען, קוילען איז נאך מיין מיינונג, א קלענערער פערברעך, אלס אפנארען א גאנץ פאלק, קוילען א גאנצע ליטעראטור, פערדארבען דעם געשמאק פון טויזענדער לעזער, דען אינ'ם ערשטען פאלל קומט אפ א פרט, א יחיד, און דא ליידעט א כלל, א רבים; דא ליידעט דער גאנצער המון-עם.

קוקט זיך נור צו, צו וואס דער דאזיגער ראמאנ-מאכער האט אונז געבראכט; זעהט, ווי ווייט ער האט פערדארבען דאס געפיהל מיט'ן געשמאק פונ'ם פשוט'ן לעזער, אז יעדער בעל-מלאכה, יעדעס ווייבעל, יעדעס מיידעל זענען אזוי אנגעפיהלט מיט **ש'מ'ר'ס** פוסטע, ווילדע, מגושמ'דיגע ראמאנען, אז זייער קאפ איז פארשלאגען מיט זיינע משוגענע פאנטאזיעס, אז זייא קאנען שוין קיין רעכט ביכ'ל, קיין מוסר ספר, קיין מאראליש ווערק אין דער האנט נישט נעמען, אחוץ די העכסט אינטערעסאנטע ראמאנען פון **ש'מ'ר**, וואו עס קומען פאר פול פערדרעהטע פערפלאנטעטע אינטריגעס, ריהרענדע און הארצ-רייסענדע סצענעס, וואו מע גנב'ט, מע גזל'ט אין מיט'ן העללען טאג, וואו מע טראגט מתים פון די קברים, וואו מע שלאגט זיך, מע הרג'ט זיך ביז'ן טויט איבער א שאן מיידעל, א בראנעטין, אדער א-

פַינֶעם בָּחוּר אַ בְּלָאנְדִין, און בְּדוּמָה אַזֶעלְכֶע ווילְדֶע פַאנְטַא-זְיֶעס, בֶּעצויגֶען פון פֶערְשִׁידֶענֶע, פוּסְטֶע רוּסִישֶׁע, דַייטְשֶׁעשֶׁע, אָדֶער פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע רָאמַאנֶען פון קסאוויע — דע — מאנטעפען, פאל — דע — קאק....

— הֶערְר פְּרֶעדְסֶעדַאטֶעל! — הָאט אויסְגֶעשְׁרִיגֶען דֶער פָּאדְסוּדִימֶע, אויפְהַאפֶּענְדִיג זִיךְ פוּנ׳ם בֵּיינְקֶעל — הֶערְר פְּרֶעדְסֶע-דַאטֶעל! סַא לִיגֶען! סַא לִיגֶען! דָאס הָאבֶּען דִי שׂוֹנְאִים אויסְגֶעטְרַאכְט, דִי שׂוֹנְאִים, אִיבֶּער גְרוֹיס קִנְאָה, וָואס זֶענֶען מִיר מְקַנֵא...

— הֶערְר פָּאדְסוּדִימֶע! — הָאט אִיהְם אִיבֶּער גֶעריסֶען דֶער פְּרֶעדְסֶעדַאטֶעל, — אִיר דַארְפְט נִישְׁט פַאר גֶעסֶען, אַז אִין אַסוֹד מוּז מֶען זִיצֶען מִיט דֶרֶךְ-אֶרֶץ און אַז מֶע פְרֶעגְט אַייךְ נִיט, דַארְפְט אִיר שְׁווייגֶען; זִיצְט!

— פאל — דע — קאק, דיומא, פאנסאנ - דיו-טיראל א. ד. ג. — זָאגְט זִיךְ וַוייטֶער דֶער פְּרָאקוּרָאר נִישְׁט קוּקֶענְדִיג אויף **שׁמר׳ן** — פון דִי דָאזִיגֶע פוּסְטֶע רָאמַאנִיסְטֶען בֶּעצִיהְט אוּנְזֶער פָּאדְסוּדִימֶע שְׁטָאף צוּ זַיינֶע אוּמְגֶעלוּמְפֶּערְטֶע רָאמַאנֶען, און דִי דָאזִיגֶע, מ׳שְׁטַיינְס גֶעוָאגְט, רָאמַאנֶען טְרָאגְט — עֶר — אוּנְטֶער דֶעם פָּאלְק אויף צוּ לֶעזֶען, און דָאס פָּאלְק שְׁלִינְגְט זֵיי אָהְן אַיין אִיבֶּערְקְלַייבּוּנְג, דָאס פָּאלְק שְׁלִינְגְט דָאס דָאזִיגֶע שֶׁאדְלִיכֶע מַאֲכָל און פֶערְדַארְבְּט זִיךְ דֶעם מָאגֶען אויף לַאנְגֶע יָאהְרֶען.

אִיךְ דֶענְק, הֶערְרֶען פְּרִיסְיַאזְשְׁנֶע זַאסְיֶעדַאטֶעלִים, אַז אַייךְ אִיז בֶּעוואוּסְט דֶער הֵיילִיגֶער צְוֶועק פון דֶער לִיטֶערַאטוּר. דִי שֶׁאנֶע לִיטֶערַאטוּר, צוּם בַּיישְׁפִּיל, אַ רֶעכְטֶער רָאמַאן פוּנ׳ם אֶמֶת׳ן לֶעבֶּען, וָואס אִיז בֶּעקַאנְט יֶעדֶען לֶעזֶער, מָאהְלְט מִיט פֶערְשִׁיעדֶענֶע פַארְבֶּען

די גוטע אונ די שלעכטע זייטען פונ׳ם מענטשענ׳ס כאראקטער, בכדי צו בעקאנען דעם לעזער מיט׳ן מענטשענס גייסטליכען ארגאניזם; אונ מחמת אזא מין שרייבען קאן זיין אביסעל סקוטשנע, ווי א מוסר ספר, למשל, וואס קאן נמאס ווערען, לכן איז דערויף בעשאפען געווארען, די גאטטליכע פאעזיע, דרום איז צוגעקלעהרט געווארען א ראמאן דאס הייסט א פארשטעלל, איין ארט טהעאטער, אויף וועלכען דער מחבר פיהרט ארויס געמאכטע העלדען, וועלכע רעדען, פאהרען, געהען, זיצען, לאכען, זינגען, וויינען א.ז.וו. אונ בכדי מעהר צו-פארנעמען, צו אינטערעסירען דעם לעזער, בעשאפט די פאנטאזיע פערשיעדענע געשיכטעס, צופאללע, מעשיות, אונ אמאהל וועהר פאר-פלאנטעטע מעשיות, נסים ונפלאות, טרויהריגע אדער פרייהליכע, ריהרענדע סצענעס, איבער וועלכע מיר טוהען אפט מאל פארגיסען טרעהרען.

נאר ווען גרייכט דער פערפאסער מיט זיין ווערק צום צוועק? ווען ער גיט אונז אזעלכע בילדער, וואס זענען אונז בעקאנט, וואס מיר האבען אין זיי א בעגריף, וואס קאנען, לכל הפחות, זאך טרעפען אינ׳ם לעבען; אבער ווען, למשל, אז דער שרייבער וועט אונז דערצעהלען א מעשה, ווי א קאטשערע האט זאך איינגעליבט אין א לאפעטע אונ דעם איפערזיכטיגען, רעוניוע פלעדערוויש האט עס פערדראסען, האט ער אויפגערודערט אללע געננז מיט אללע אינדיקעס — פרעג איך אייך, וואס פאר א נוטין, וואס פאר א מוסר, וואס פאר א מאראל וועט דאס אונז ברייגען? וועמען וועט זיך עס לייגען אויפ׳ן הארצען? ווער וועט דאס פארשטעהן? ווער וועט דער פון האבען הנאה אונ וועמען וועט עס מיט בריינגען שמערצען?

אַריינלאָזענדיג זיך אין דער פאַנטאַזיע אַריין, איז אונזער ראָמאַניסט שמ״ר אַזוי ווייט פאַר קראָכען, אַז פון אַמאַל מעד ווערדט באַ־איהם אַ לאָרד, פון אַקוימענקעהרער אַ גראַף, פון טוידטע לעבעדיג און פון לעבעדיג טויט; מיליאָנען מיט ברילליאַנטען וואַלגערען זאַך באַ איהם ווי מיסט; אַללע משרתים מיט דיענסטמיידלאַך שפּיעלען באַ איהם „ליעבעס״, אָדער ווי שמ״ר רופט עס „ראָמאַנסירען״, איבער וועלבע זיי טריינקען זיך, שיסען זיך, הייננגען זיך א. ז. וו. — פּונקט ווי מיר זענען געוואָנט געוואָרען צו זעהען אין די לוסטיגע פראַנצויזישע ראָמאַנען, אַזוי אַז ווען איר לייענט איבער שמ״רס אַ ראָמאַן, דאַכט זיך איך אויס, אַז באַרדיטשעוו האָט מען איבערגעטראָגען קיין פּאַריז און חיים און יוסיל און אברהמ׳על פערשטעהען נישט קיין צורת — מטבע, זיי ווייסען ניט וואָס הייסט מסחר, אַ קאָרבעל, אַ מעקלעריי, אַ פּריץ, אַ פּריצענטעל און געהען שטענדיג אַרום נור זוכען „ליעבעס״, און חנצי און מירקע און ברייגדעל האָבען גאָר קיין מאָהל נישט געהערט, אַז סע איז דאָ אויף דער וועלט אַ קראָם, אַ קלייט, אַ שיינק, אַ טייטש חומש — ניין! חנצי און מירקע און ברייגדעל זיצען אויף ווייכע סאַמעטענע דיוואַנען מיט קליינע ווייסע הינטעלעך אויף די האַנט און זינגען זיסע סענטימענטאַלע ליעדעלעך פון „ליעבע״ . . . נאָר אַזוי ווי יעדער פערפלאָנטעטע מעשה ווילט זיך אויסהערען, דען אַפילו אויף שאַנע כבא־מעשה איז אויך יעדער אַמאָהל אַ בעל׳ן צו הערען, און אַז סע איז ניטאָ קיין פּיש עסט מען קאַרטאָפליס, און אַז סע איז ניטאָ קיין בעסערס קייעט מען שטרוי, דרום האָט דאָס דער המון־עם און

קייעט שטרוי, דרום נעמט זיך יעדער געמיינער יוד און יעדע פשוטע יודענע א ראמאן פון שמ״ר און שבת בא טאג, נאכ׳ן טשאלענט, אז מען קאן אראפ ווארפען אויף א מינוט דעם עול פון פרנסה, אז מען קאן חאטש אויף א רגע פארגעסען, אז סע איז דא א קליט, א קראם א מעקלעריי, א פרי ץ, א פריצענטיל, און מע זעצט זיך אויס א גאנצ׳ן רעדעל ווייבער, יונגלאך, מיידלאך, און מע הערט די ווילדע משונה אומגעלומפערטע מעשיות, די נסים ונפלאות פון דעם מלמד דעם לארד, דעם קוימען קעהרער דעם גראף, די ליעבע פון י ע נ ק י ל דעם בחור מיט די בלאנדע האר, צו ר ח ל׳ע דער בראנעטין מיט די רויטע באקען, ווי די רויזען, און די שאנע ליעדער מיט די הייסע טרעהרען, וואס זיי טוהען זינגען און פארגיסען אקעגען דער בלאס-ליכטיגער לבנה, און אויכהערען דאס זיפצען מיט׳ן קרעבצען פון די אומגליקליכע ליעבענדע, וואס זענען פערבונדען מיט זייערע הארצער און וואס די מערדער די עלטערען ווילען זיי צו שיידען, אומגליקליך מאכען, אומברייגען פון דער וועלט.

—דאס איז לשון הרע, הערר פרעדסעדאטעל! פון ק נ א ה פון ש נ א ה!

אזוי האט ווידער אויסגעשריגען דער פ א ד ס ו ד י מ ע , וועלבען דער פ ר ע ד ס י ע ד א ט ע ל האט געבעטען זיצען מיט דרך-ארץ, און דער פ ר א ק ו ר א ר האט געטאענעט ווייטער.

—ל י ע ב ע, הערדען פריסיאזשנע זאסיעדאטעלעם — ל י ע ב ע איז איין אלט ליעדעלע אין דער ליטעראטור, זעהר איין אלט ליעדעלע! דאס פארשטעהט שוין יעדער שרייבער און יעדער לעזער, אז דאס בעסטע שטאף צום ראמאן איז די ליעבע, די ליעבע פון די יונגע קינדער; דאס איז אודאי א הייליגער געפיעל, איין עדעלער געפיעל, א מתנה פון זיין

ליבּען נאָמען, אוּנ אָהן איהם, אָהן דעם דאָזיגען היילינען, עדעלען געפיעל, וואָהלטען מיר, מענטשען, ניט געשטאַנען פיל העכער פוּן די בּהמות, סע איז אָבּער דאָ פילע פערשיעדענע אַרטען אוּנ וועזען פוּן ליעבּע; למשל: די ליעבּע פוּן עלטערען צוּ די קינדער אוּנ צוּריק — פוּן די קינדער צוּ די עלטערען; ליעבּע פוּן בּרידער, שוועסטער, פריינד א. ד. ג...; ליעבּע צווישען חברים; ליעבּע צוּ אַללע מענטשען, צוּ דער נאַטוּר, צוּ דער השׂכּלה, צוּ געוויסע בּעזונדערע גוּטע אָדער שלעכטע זאַכען א. ז. וו. נאָר דער דאָזיגער אַרט ליעבּע — פוּן אַ מאַנספּאַרזאָהן צוּ אַפרויענ־צימער, פוּן אַ בּחוּר צוּ אַ מיידעל — דאָס איז דער געוויסער אַרט ליבּע, מיט וועלכען אַללע ראָמאַניסטען כּמעט פוּן דער גאַנצער וועלט בּענוּטצען זאַך, אַזאַ מין סאָרט ליעבּע, אויף וועלכע סע איז שוין אָנגעשריבּען געוואָרען אַלפי אַלפים ראָמאַנען. אַ בּחוּר מיט אַ מיידעל, אַ יונגער מאַנן מיט אַ יונג ווייבּעל — אָט דאָס זענען די הויפּט עלע־מענטען כּמעט אין יעדען ראָמאַן; דער בּחוּר האָט ליעבּ דאָס מיידעל, דאָס מיידעל האָט ליעבּ דעם בּחוּר, זיי ליבּען זיך בּיידע, זייערע הערצער זענען פערבּוּנדען, זייערע זעלען זענען נאָהענט. נאָר אַליין זענען זיי צוּ ריסען, זייערע קערפּערס זענען ווייט איינער פוּנ׳ם אַנדערען, אוּנ זיי זוּכען זיך מיטלען, ווי אַזוי גיכער אוּנ לייכטער צוּ ערגרייכען זייער איינציגען צוועק אינ׳ם לעבּען, זייער איינציגען וואוּנש — צוּ קומען איינער צוּם אַנדערען, צוּ פערבּינדען זיך מיט דעם עוויגען שטאַרקען בּוּנד — אָט דאָס דאָזיגע שטרייטען, בּאָרען זיך, שלאָגען זיך, די דאָזיגע יסוּרים מיט׳ן דאָזיגען פערגעניגען פוּן דער שטענדיגער מלחמה פאַר דער אידעע — אָט דאָס איז מיינסטענטהייל די קאַנוואַ, אויף וועלכען דער שרייבּער נייט אויס זיינע בּילדער פוּנ׳ם

ראָמאַן; אונ אַזוי ווי ניט אומעטום איז גלייך, אַזוי ווי ניט אומעטום געהט די ליעבע גלייך; דאָ געפינט זי פערשיעדענע איבערשלאָגעכצען, אַללערליי סבות, אומגליקליכע אָדער גליקליכע צופעללע, דאָ וויללען די עלטערן אונ דאָ ניט; דאָ איז דעם חתן געפעללען אונ דאָ איז די כלה ניט געפעללען; דאָ זוכט זאך אָפּ אַ שלאק אַ פעטער, אַ קרובֿ, אַ שכנה אַ ספּלעטניצע אונ שלאָגט איבער די גאַנצע שפּיעל — תּכלית זיי קאָנען זייער ציעל להלוטין נישט ערגייכען, דאַן ווערען זיי מלא כעס וחמה, דאַן הויבען אָן זיך אָן גיסען טרעהרען, דאַן קומען אַרויס אַללע אומגליקען, בעהיטע גאָט, דער חתן הייננט זיך, די כלה טרייננקט זיך, סע ווערדט אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער . . . אָדער, פאַר קעהרט, מע איז אַללעס ברוך השם איבער געקומען אונ חתן כלה געמען זיך — מזל טוב! — אָט אַזוי ענדיגען זיך מיינסטענ־טהייל ראָמאַנען בא פיל שרייבער.

מע דאַרף אָבער זיין נאַיווע, ווי אַ קליין קינד, צו מיינען, אַז דער רעכטער עיקר פונ'ם ראָמאַן איז נור די מעשה אַליין; אַז דער גאַנצער אינטערעס איז נור דאָס, וואָס דער בחור האָט'י אַ געקריגען אָדער נ'יט געקריגען דאָס מיידעל. איך האָב איך שוין געזאָגט פריהער, הערען פריסיאָנישע זאַסיעדאַטעלים, אַז דער גאַנצער מיין איז צו שילדערען, צו מאָהלען די גוטע אונ שלעכטע זייטען פונ'ם מענשענס כאַראַקטער, אונ דער רעכטער שרייבער, דער געבילדעטער ראָמאַניסט, אין יעדען ווערק, אַחוץ פערגעניגען פון די ריכטיגקייט פון די בילדער, גיבט אונז נאָך מוסר אויך, יעדען נאָך זיין פערשטאַנד, נאָך זיין השגה, אונ דאַמיט ערעלט ער אויס אונזערע געפילען, פאַרענטפערט אונז פיל לעבענספראַגען, ווייזט אונז, ווי אַזוי גוט אָדער שלעכט מע

קָאן אָפּ לֶעבֶּען די וֶועלְט, אַרְבֵּייט אוֹיס בַּא אוּנְז די עֶדֶעלְסְטֶע גֶעפִיעלְ׳ן פון רַחֲמָנוּת, מִיטְלַייד, לִיעבֶּע, מֶענְשְׁהַייט. א. ז. וו. א. ז. וו.

דָאס אִיז אָבֶּער אַלֶעס גֶערֶעדְט גֶעוָוארֶען פַאם גֶעבִּילְדֶעטֶען שְׁרַייבֶּער, בַּאם עֶהְרְלִיכֶען רָאמַאנִיסְט; נוּר נִיט דָאס זֶעהֶען מִיר בַּא אוּנְזֶער פְּסֶעוְדאָנִימֶע הֶערְר שׁ׳מ׳ר. דֶער דָאזִיגֶער רָאמַאנְ-מַאכֶער פֶערְגִינְט זִיךְ צוּ זָאגֶען אִין אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע זִיסֶע וֶוערְק וָואס לִיגֶען אָט דָא אוֹיפְ׳ן טִישׁ, פַאר אַייעֶרֶע אוֹיגֶען, אִינְ׳ם רָאמַאן „דֶער בְּלוּטִיגֶער אַדְיֶע” בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: „איך בין נישט אויסען שרייבענדיג מיין ראמאן, איר זאהלט זיך פון מיינע ווערטער א שענעם מוסר אראפ נעמען, ווי אללע ראמאניסטען טוהען. ניין, איך שוועהר אייך בא בארד און פיאות (וָואס זָאגְט אִיר אוֹיף אַזָא חָכְמָה ?) אז איך האב דאס ניט געמיינט... איך האב דעם ראמאן געשריבען מיט דעם איינציגען ציעל איך פ ע ר ג נ י ג ע ן צו פארשאפען...

דָאס פֶערְגְנִיגֶען, וָואס שׁ׳מ׳ר קָאן אוּנְז פֶערְשַׁאפֶען מִיט זַיינֶע שֶׁאנֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת, וֶועלֶען מִיר בַּאלְד זֶעהְן; אַצוּנְד רֶעד אִיךְ נוּר פוּן דֶער מָארַאלִישֶׁער זַייט פוּן אוּנְזֶער רָאמַאנְ-מַאכֶער. וֶועלְכֶער הָאט אַ הֶעזָה אוֹיסְצוּדְרִיקֶען זִיךְ אִינְ׳ם וֶוערְק גוּפָא אוּנ נָאךְ מִיט אַ שֶׁאן וֶוערְטֶעל „בא בארד און פיאות”, אַז עֶר מֵיינְט נִישְׁט קֵיין מָארַאל, עֶר מֵיינְט נוּר פֶערְגְנִיגֶען.

אִין אַיין אַנְדֶער אָרְט, אִין אַ רָאמַאן „דָאס אַנְטִיקֶעל אָדֶער דִי כְּשֵׁרָה מְצִיאָה”, שְׁמוּעֶס׳ט זִיךְ שׁ׳מ׳ר אוֹיס מִיט דֶער שֶׁאנֶער שְׁפְּרַאכֶע פוּן אַ הוֹיפְ׳ס מְשָׁרֵת: „קויפט ליבע לעזער דאס א נ ט י ק ע ל, איר וועט פון איהם פיעלע פערגניגען האבען און אייך וועט דאס זיין זעהר א גוטע לעהרע אין דעם היגזיכט פון אייער שולדיגקייט געגען אייער פ א מ י ל י ע...”

די דָאזִיגֶע הַקְדָּמָה הָאט מִיךְ בֶּאֱמֶת דֶערְפְרֵייהְט אוּנ בִּכְדֵי צוּ גֶעפִינֶען „די גוּטֶע לֶעהְרֶע צוּם הִינְזִיכְט פוּן אוּנְזֶער

שולדיגקייט געגען אונזער פּאַמיליע״ האָבּ איך דאָס דאָזיגע ביכעל איבער געלעזען פון טאָוועל ביז טאָוועל, אונ וואָס האָבּ איך דאָרט געפונען? הערט זיך איין!

אַ יונגער מאַנן איזאַק ווינדמאַנן האָט דערזעהען אַ שאָנע אַקטריסע זינאַידאַ אויף דער סצענע אין טהעאַטער, אונ האָט בעקומען צו איהר אַ ווילדען חשק, האָט ער זאַך מיט איהר בעקאַנט, איינגעליבּט, אַזוי ווי אַללע ש׳מ׳ר׳ם העלדען ליעבּען זאַך איין תומ״י אַז זיי דערזעהען אַ נקבה, אונ האָט אַוועק געוואָרפען דאָס ווייבּ אונ האָט פערבּראַכט טאָג מיט נאַכט בּאַ דער זינגערין זינאַידע, וועלכער ער האָט געקויפט מתנות, געבּראַכט בוקעטען, געזונגען ליעדער אונ געקישט אין די רויטע ליפּלאַך אַריין, אַזוי לאַנג ביז זיין קאַפּיטאַל איז קלענער געוואָרען פונקט מיט צוויי טויזענט רובּעל, ווי איין גראָשען. ווער איז זינאַידע וואָס איז זינאַידע, אַ יודעש קינד, צו אַ קריסטען? ווער איז איזאַק, וואָס איז ער געוועזען פריהער, וואָס איז ער היינט? — דאָס ווייסען מיר ניט, דאָס וויל אונז דער פאַרפאַסער ניט אויסזאָגען; ער דערצעהלט אונז נור, אַז צו זינאַידעס געבורסטאָג, האָט איהר איזאַק געמוזט קויפען אַבּראַסלעט, איין אַנטיקעל מיט צוויי בוכשטאַבען W S פאַר וועלכען דער יוועליר מאַרקוס האָט געוואָלט לכתחילה פינף טויזענד רובּעל, נאָר דער העלד איזאַק האָט זאַך אפּנים געקאַנט גוט דינגען, האָט ער איהם אויסגעדונגען פאַר צוויי טויזענט רובּעל — אונ דער טאָרג פאַרנעמט אינ׳ם ראָמאַן כמעט די גרעסטע העלפט, אַזוי אַז סע שלאָגט צו דער גאַלל. . . . ענדליך, אַז איזאַק האָט שוין געקריגען „די בּורליאַנטען פון

די טהייערע דימאנטען״ (אַזוי דריקט זיך אויס בוכשטאבליך דער פערפאסער), אונ האט שוין געוואלט צוועק לויפען צו זיין טהייערער זינא אידע אונ דאמיט קויפען איהר הייסע ליעבע, איז איהם פלוצלים, אַזוי ווי יעדער געדאנק קומט אָן בא שמ׳ר׳ן פלוצלים, איבער געגאנגען איין אנדער מחשבה אין קאפ אונ ער האט זאך דערמאנט, אַז ער האט אַפרוי וואס איז „צוואנציג מאהל שענער פון זינא אידען, אונ ווען זיא זאהל זאך אזוי פארבען אונ פודרען, זאגט שמ׳ר, ווי זינא אידע טוהט זיך פארבען אונ פודרען, וואה׳ט זי דאך געווען הונדערט מאל שאנער — נו אונ מיין קאפיטאל? אזוי לאנג קריינקט זי, ווי לאנג איך וועל איהר א קאפיקע נים געבען! . . . אונ אַזוי ווערדט דער פיינער איזאק פלוצלים אַ בעל תשובה, אונ אַזוי ווי דעם בעל תשובה העלפט דאך גאט, לכן האט זאך איהם געטראפען אַזא נס: די צוויי בוכשטאבען אויפען בראסלעט מיט די בורלי־אנטענע דימאנטען: ז׳ אונ וו׳; זענען פונקט ווי אנגעמאסטען אויף זיין פרוי, „זעלדע ווינדמאנן״!

גאטט׳ס וואונדער האבען נישט קיין שיעור! אונ אַזוי איז ער צו געגאנגען צו זיין ווייב זעלדע, וועלכע האט גראד אין דער מינוט געהאלטען אין מיטען זינגען זעהר א שאנע ליעד פון א „געוויסען״ יודעשען דיכטער:

„אלס שפינגעל קאנט איר מיך מיידלאך האבען,
„קוקט זיך נור נוט אין מיר איין, —
„בעססער זאהלט איר זיך באגראבען,
„איידער הייראטען מיט א שארלאטאן!!..״

איך ווייס ניט, ווער איז דער „געוויסער דיכטער״ פון דער דאזיגער וועלטענער ליעד; סעקאן זיין, אַז דער געוויסער דיכטער איז

טאקע **ש׳מ״ר** אליין, דען במעט אללע זיינע ראמאנען הויבען זאך אן מיט א ליעד אויף לשון קודש, — נאר דעם העלד איזאק האט דאס אזוי אנגענומען בא די פאטעס אז ער איז געפאללען דעם ווייב אויפ׳ן האלדז אונ מיט טרעהרען אויף די אויגען האט ער דאס אנטיקעל, דעם בראסלעט מיט די בורליאנטענע דימאנטען, אפ-געגעבען זעלדען.

נאר דער גרעסטער נס פון אללע נסים האט געטראפען איזאק׳ן דאמיט, וואס דאס אנטיקעל, דער בראסלעט מיט די בורליאנ-טענע דימאנטען, פאר וועלכען ער האט אפ געצאהלט צוויי טויזענט רובעל, איז נאר באמת ווערטה געוועזען פינף טויזענט רובעל! אלזא האט דער העלד נאך פארדיענט באם געשעפט דריי טויזענט רובל! איז דער פון זעהר שאן געדרונגען, אז מיט אזעלכע געשעפטען מעג גאטט בענטשען אללע יודען, אללע פערלייבטע יונגע לייט....

אט אזא מאראל גיבט אונז דער דאזיגער ראמאנמאכער, אונ אט אזא ראמאן לעזט דאס פאלק, דער המון — עם, דער פשוט׳ער לעזער, וואס ווייסט נישט פון קיין חכמות מיט קיין איבער-קאפלאך, אונ אט אזא מין נידערטרעכטיגע זאך הייסט בא **ש׳מ״ר׳ן** א ראמאן, אונ א ראמאן מיט א מוסר!! נו, פרעג איך איך, הערר׳ן פריסיאזשניע זאסעדאטעלים, איז דאס ניט קיין חילול השם? איז דאס ניט קיין הארצווייטאג צו זעהען, ווי איבער צוויי גילדען, וואס **ש׳מ״ר** האט אפגעלייזט פאר׳ן ווערק, זאל אגאנצע ליטעראטור, א יונגע ליטעראטור, אזוי פערדארבען ווערען? נאך מיין מיינונג, פאר דיענט דער פאדסודימע פאר דעם "אנטיקעל" אליין דעם העכסטען שטראף, די הארבסטע

נאַקאַאַניָע!

נאָר מִיר גֶעהֶען וַוייטֶער.

אָט לִיגְט נָאךְ אַ ראָמַאן פוּן שׁ'מ'ר, וֶועלְכֶער הֵייסְט מִיט דֶעם נָאמֶען „גְּנַואלְד וואוּ איז מַיין בָּארְד" אוֹיפְ'ן עֶרְשְׁטֶען טְאוֶועל זִיצְט אוֹיסְגֶעמָאהְלְט עֶפֶּעס אַ שִׁיכּוֹרֶה גוֹיֶה מִיט אַ צִילִינְדֶער אוּנ אַ קַאצַאפּ מִיט אַ גְרוֹיסֶער שֶׁער אִין דֶער הַאנְט. סֶע וַוייזְט אוֹיס אַז דִי עֲרֵלִית מִיטְ'ן צִילִינְדֶערְהוּט אִיז מִכְּתָּמָא אַ חָסִיד, וָואס הָאט זַאךְ אָפּ גֶעשֶׁערֶען דִי בָּארְד אוּנ פֵּיאוֹת, דֶען שׁ'מ'ר דֶערְצֶעהְלְט אוּנְז אִינְ'ם דָאזִיגֶען רָאמַאן, אז דער כשר'ער ר' טאדרעס וואס האט שטארק חשק צו שאנע ווייבלעך, האט שטענדיג געשטאלצירט מיט זיין בארד, ווי א היינט מאדישע פרוי מיט איהר גרויסען הינטען (אַזוֹי שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס שׁ'מ'ר,) אונ זיינע פיאות זענען גערוען, ווי צוויי מיזעשע ווידעלאך....

אָט דָאס וֶוערְדְט אָנְגֶערוּפֶען בַּא אוּנְזֶער טַאלַאנְט־פָּאלְלֶען רָאמַאנִיסְט סַאטִירֶע, אוּנ מִיט אַזַא שֶׁאנֶער סַאטִירֶע הָאדֶעוֶועט מֶען דָאס פָּאלְק, אַז פוּן אַ יוּדֶעשֶׁער בָּארְד דַארְף מֶען לַאכֶען; אַז מֶען לַאכְט פוּן אַ בָּארְד, אִיז אַ סִימָן, אַז מֶע אִיז שׁוֹין אַ גֶעבִּילְדֶעטֶער מַאנְן, אַיין אַרִיסְטָאקְרַאט, אַ גַאנְצֶער דַייטְשׁ, וִוי דֶער עוֹלָם זָאגְט.

אִיבֶּער דֶערְצֶעהְלֶען אַייךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט „דֶער בָּארְד", וֶועלְכֶע אִיז, אֵייגֶענְטְלִיךְ, אִיבֶּער גֶעמַאכְט פוּן אַ רוּסִישֶׁען וָואדֶעוִויל פוּן סָאלָאוְיָאוו, אוּנְטֶער דֶעם נָאמֶען: „Господа Собачкины" אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ צוּ הֶערֶען, דֶען דָארְט, וואוּ שׁ'מ'ר אִיז עֶרֶענְסְט אוּנ מֵיינְט, אַז עֶר אִיז עֶרֶענְסְט, אִיז נָאךְ צוּ דֶער טְרָאגֶען; נָאר דָארְט, וואוּ עֶר פַאלְט אַרַיין אִין דֶער סַאטִירֶע אַרַיין אוּנ הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ וֶוערְטְלֶען, אוּנ לוּסְטִיג מַאכֶען וִוי אַ פְרֵייהְלִיכֶער יוּנְג, וֶוען עֶר אִיז אַבִּיסֶעל

פאר קנאקט, אט דארט איז שוין אומאגליך אויס צוהאלטען, אונ וויפיל מאל איך האב דאס ביכעל אוועק געשמיצט, סע האט מיך געשלאגען איינגסטען, צו דער גרינגער גאלל האט דאס מיך געעקעלט, — מיט צרות מיט לייד האב איך עס דאך געמוזט איבער לייענען ביז'ן סוף גלייך מיט אללע זיינע געצייכענטע ראמאנען, פון וועלכע א שנאבער מענטש מוז נאך דעם אפ קריינקען א האלב יאהר צייט, ביז ער זאהל קומען צו זיך נאך די וואונדערליכע אנטיקלאך פון **ש'מ'ר'ס** ראמאנען — אונ קיין גוטען פריינד מיינעם וויניש איך קלאהר נישט אזא שטראף איבער צו לעזען א האלבע מאה ראמאנען פון **ש'מ'ר.**

ווי אזוי **ש'מ'ר** פארשטעהט דאס ווארט סאטירע אונ דעם ציעל פון סאטירע, קאן מען ארויס זעהען פון דעם, וואס ער זאגט אין זיין קליין סאטיריש ווערק „א שיינע ריינע כפרה", אז סאטירע איז היינט געווארען א מאדע, דהיינו: אפ לאכען פון א גוטען פריינד אונטער די אויגען, לאכען פונם קבצן — מיט איינעם ווארט לאכען, מע זאהל זיך גוט אנלאכען; נאר דערוייל טוהט זיך **ש'מ'ר** אזאג סאטיריש, אונ בעט מען זאל האטש איהם אלליין נישט אויס לאכען — אט דאס הייסט סאטירע!...

נאר כדי איר זאלט האבען א שטיקעל בעגריף אין **ש'מ'ר'ס** סאטירישען טאלאנט מיט זיינע וויצען, וועל איך אנווייזען איינינע חכמות אינ'ם ראמאן פון „דער בארד"; צום ביישפיעל: „ער איז פולל, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט תורה"... „חא — חא — חא גלייך אין פיסק אריין... „חנה'לעס ברית אמן מזל טוב"... „אפילו אלטינקע האבען אויך ליעב א מויד"...

„היינטיגע יודען, בעונותינו הרבים, האבען נור ליעב מידלאך" . . . „דעם וואס איך האב די האנט נים געוואשען (וואס מיינט דער מיט אונזער שמ'ר?) זאהל מים זיין כשר'ער האנט איינהאלטען אל'לע יודעשע בערד פון אזוי איין אומגליק, ווי עס האט געטראפען דעם בידנעם טאדרעס באָרד, ונאמר אמן . . ."

איך מיין, אז אויף אזא-נ-אויפ'ן שמועס'ן זאך ניט אויס אפילו קיין קלייט משרתים צווישען זיך, זיצענדיג אין מארק אויף די ביינקלאך, אונ קיין שוסטעריונגלאך אויך ניט; אזוי אויס שמועס'ן זאך קאן נאר אזא טאלאנטפאללער הומאריסט, אזא פריילינער סאטיריק ווי ש'מ'ר, אונ אט אזא ניבול פה גיבט מען דעם עולם אויף צו לאכען אונ אויף זאך לוסטיג מאכען!

איך וועל נאך האבען די עהרע ניט איין מאל זאך אומקערען צום זעלטענעם סאטירישען טאלאנט פון אונזער פאדסודימע ש'מ'ר, נאר איך קאן זאך ניט איינהאלטען אונ אפשווייגען, זעהענדיג אט דא פאר מיינע אויגען אזא מייסטערווערק, ווי „דער טייפעל חאפט דעם מלמד". איינע וואהרע שאנע ערצעהלונג פון ש'מ'ר.

„מיר דארפען דאנקען — זאגט ש'מ'ר מיט זיין פה קדוש, אונ לויבען גאטט, וואס ער גיט כח אונזער האנט צו שרייבען, אונזערע אויגען צו קוקען, אונזער ווי הייסט מען דאס... צו זיצען . . . ."

איר פארשטעהט, הערען פריסיאזשנע זאסיעדאטעלעס? אט אזוי שמועס'ט זאך אויס א מחבר, א ראמאניסט, וואס שרייבט זיינע ווערק פארען פאלק! ש'מ'ר, פארשטעהט איר מיך, טוהט דאנקען אונ לויבען דעם וואס ער איז ניט ווערטה צו דערמאנען זיין נאמען, וואס ער גיט איהם א ווי הייסט מען דאס צום זיצען!!!...

אזא הילול השם, אזא סוויאטאטאטסטווא, אזא גאטט׳ס-לעסטערונג איז נישט ערלויבט אפילו אין א קאבאק, אין א שיינקעל, צווישען שכורים, צווישען לאפאצאנעס; פאר אזעלכע מיאוסע ווערטער רודפט דער זאקאן גאנץ שטרענג. און בא אונז, אין דער פאלקסליטע-ראטור ליעגט דער עולם אזעלכע חכמות, אזא ניבול פה, און קוועלט, און דער גרויסער, דער געוויסער **ש׳מ׳ר** איז ניט נור א ראמאניסט, ער איז אויך א שענער וויצלער, א ווארטעל זאגער, א הומאריסט, א מין היינע, א בערנע, א שטשעדרין, להבדיל.

דאס דאזיגע שענע ווערקעל "דער טייפיל האפט דעם מלמד" איז פולל מיט אזעלכע סאטירישע פערלען, ווי צום ביישפיעל: דער חזן האט געדאוועגט ווי א קאץ און די ווייבער האבען געוויאקעט ווי צום ונתנה תוקף, און ר׳ צדוק זרח דער מלמד האט ניט געקאנט אזוי גוט די דייטשע שפראכע, ווי **ש׳מ׳ר**, און ווי ווייט ער, **ש׳מ׳ר**, פארשטעהט דייטש, וועלען מיר זעהען ווייטער... נור איר פארשטעהט דאס זאלץ פון דער סאטירע? — ר׳ צדוק זרח. דער מלמד האט געשריבען אויף שאמפאניערוויין "שאמפאניעריע" און שטאדט "איר זאהלט מיר צו שיקען פארטוויין", האט דער מלמד געשריבען "איר זאהלט מאהן מיך שיקען פארטעווינע", וועלכע איז אזוי אמת, ווי אללע בילדער פון **ש׳מ׳ר׳ן**.

אויף דעם צוועלפטען און דרייצעהטען בלאטלאך פונם דאזיגען סאטירישען ווערק, גיבט אונז **ש׳מ׳ר** אזא מין ארטיקעל פון ריינעם הומאר:

"די טיר האט זאך געעפענט און חנה׳ בילע איז אריינגעקומען.

—גוט מארגען דיר, לייבעלע! ביסט שוין א שניידער געוואהרען?

—יא, מוהמעניו! אפשר דארפט איר תכריכים וועל איך אייך צו שניידען.

—נעקילעט זאלסט דו ווערען . . . מאכסט חוזק פון יעדען בעוונדער.

—וואס חוזק? זאהל יענעם אויסוואקסען א חזיק אויפ'ן נאז! וויפיל זענט איר אלט? ביי זעכציג יאהר? נו און אז אונזער מוטער שרה האט געמאכט א ברית צו נייצניג יאהר?

—געה מיט'ן קאפ אין דער ערד אריין!

—מוהמעניו, זייט איר אין כעס . . . . זייט מ'ך מכבד מיט א שטיקעל לחם מיט א זויערע אוגערקע.

—נו א סוף פון דיינע חכמות . . . .

—אזוי? . . . . אפשר האט איז אייך די ציג געפייגערט אדער די בהמה געקאלבט? מזל טוב!

—פלוידערזאק, פערשטומט זאהלסט דו ווערען! מילא הכמות אן א זייט . . . ."

אט דאס ווערדט אנגערופען בּאַ **ש'מ'ר'ן** "חָכְמוֹת"!!!

ווייטער, אויף די בּלעטלאך זעכציעהן און זיבּעצעהן געפינט איר אַזאַ מין געשפּרעך צווישען דעם לייבּקע דעם לאַנד חכם, לייבּעלע טייפעל, און צווישען דוד'ל דעם דיין.

—ברוך הבא! א גאסט ר' לייב' . . .

—יא רבי, איך בין אייך געקומען פרעגען א שאלה . . . איך האב פאר נייט, איך בעט איבער אייער כבוד, מיינע הויזען, האב איך געהאלטען די נאדעל אין מויל און האב זי אומגעהרען אראפגעשלונגען און איז געבליבען שטעקען אין מיין פופיק. ווילל איך וויסען, צו בין איך טריף צו כשר?

—אזא בהמה, ווי דו ביזט, איז שטענדיג טריף.

—גוט געזאגט, רבי, בנאמנות גוט; זעהט איר, דער פאר האב איך אייך ליעב . . . א אקס איז א מבין אויף א בהמה . . . . "

דער רב זאגט לייבּעלען אז ער איז אַ בּהמה, און לייבּעלע ענטפערט איהם אָפּ, אַז דער רב איז איין אָקס . . . אָט אַזוי זאָגט מען

א רב, א דיין, דעם יודעשען גייסטליכען — וואו? בא ש׳מ׳ר׳ן אין א ראמאן, וואס סע לעזט איהם דאס פאלק! ש׳מ׳ר רופט דאס אן חכמה; ש׳מ׳ר איז לוסטיג פריילעך, ער שטשערעט די צעהן, ער לאכט אונ ווילל, אז דער לעזער זאל אויך לאכען . . . סע לאכט זיך אבער ניט, הערר׳ן פריסיאזשנע זאסיעדאטעלעס, סע נעמט ניט אויף צו לאכען; וויינען דארף מען, וויינען, ניט לאכען! וויינען דערויף, וואס בא יודען קוקט מען אזוי גרינג אויף א רב, אז יעדער משרת, יעדער פאלגע קאן איהם בעליידיגען; אונ וויינען דערויף, וואס אין אזא פאלקסליטעראטור, ווי דער זשארגאן איז, געפינען זיך אזעלכע בעלי-עגלות, וואס רופען זיך אן „ראמאניסטען" אונ פערדארבען וואו עס איז דא א גוטער געפיהל ביים המון-עם, אונ פערדארבען דאס געשמאק פונ׳ם עולם, אונ פערדארבען די שפראך גופא.

נו, זאל איך אייך איבערגעבען ווייטער דעם אינטערעסנעם אינהאלט פון דעם דאזיגען, משטיינסגעזאגט, ראמאן פון ש׳מ׳ר, זאל איך אייך איבערגעבען מיט אללע פישטשעווקעס, ווי אזוי ר׳ צדוק זרח דער מלמד, וועלכער ראמאנסירט (אללע ש׳מ׳ר׳ס העלדען ראמאנסירען) מיט ציפה קריינע די דינסט-מויד, ווי אזוי ער דריקט זי צו זיין ברוסט אונ קושט זי אונ האלזט זי, ווי אזוי זיי רעדען אפ ביידע אויף מארגען ארויס געהן אין פעלד, אט דארט, וואו סע שטעהט א שייער, אט דארט וועט ער, ר׳ צדוק זרח דער מלמד מיט איהר, ציפה קריינע די דינסט מויד . . . . . איהר פאר-שטעהט? . . . .

ניין! איך קאן שוין גלייכגילטיג פון ש׳מ׳ר׳ס סאטירע אונ פון

שׁ׳מ׳ר׳ס הוּמָאר אוּנ פוּן **שׁ׳מ׳ר׳ס** מָארַאל נִיט רֶעדֶען! אִיךְ מַאךְ אַיין
עֶנְדֶע דַאמִיט אוּנ גֶעה אַרִיבֶּער צוּ **שׁ׳מ׳ר׳ס** פַאנְטַאזְיֶע, צוּ זַיינֶע
סֶעְרְיָאזֶנֶע, עֶרְנְסְטֶע, גְרוֹיסֶע, קַאפִּיטַאלְנֶע וֶוערְק, צוּ זַיינֶע הֶעכְסְט אִינְטֶע-
רֶעסַאנְטְנֶע רָאמַאנֶען, דֶען דִי אַלְלֶע, וֶועגֶען וֶועלְכֶע מִיר הָאבֶּען דָא
גֶערֶעדְט אִיז נוּר „שֶׁאנֶע אוּנ לוּסְטִיגֶע עֶרְצֶעהְלוּנְגֶען, מָארַאלִישֶׁע אוּנ
סַאטִירֶעשֶׁע וֶוערְקֶע, גְלַאט אַזוֹי שֶׁאנֶע מַעֲשִׂיוֹת פַּאר׳ן פָאלְק״. . . אוּנ
אַצוּנְד וֶועלֶען מִיר זַאךְ נֶעמֶען צוּ זַיינֶע „הֶעכְסְט אִינְטֶערֶע-
סַאנְטְנֶע רָאמַאנֶען אִין צְווַייא טְהֵייל״, וואוּ דֶער טַאלַאנְט
פוּן אוּנְזֶער גְרוֹיסֶען רָאמַאנִיסְט צוּ שְׁפְּרֵייט זִיךְ אִין דֶער לֵיינְג אוּנ
אִין דֶער בְּרֵייט מִיט דֶער גְרוֹיסֶער הַאנְט, אוּנ סֶע מָאהְלְט זַאךְ מִיר
אוֹיס, אַז אִיךְ זֶעה פַאר זִיךְ נִיט **שׁ׳מ׳ר׳ן** אִיךְ זֶעה פַאר זִיךְ דִי
בֶּערִיהְמְטֶע פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע פְּסֶעוּדָארָאמַאנִיסְטֶען „קְסַאוְויֶע-דֶע-
מָאנְטֶעפֶּען״, „פָּאנְסָאן — דִי — טִיוּרַאל״, „פָּאל —
דֶע — קָאק״ א. ד. ג.; נָאר דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישֶׁען זֵיי אִיז
דָאס, וָואס דִי דָאזִיגֶע פַאנְטַאזְיָארֶען הָאבֶּען בַּאשַׁאפֶען זֵייעֶרֶע
אוּנְמֶאגְלִיכֶע הֶעלְדֶען מִיט זֵייעֶרֶע ווִילְדֶע גֶעשִׁיכְטֶעס פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע
פַאנְטַאזְיֶע, אוּנ אוּנְזָער רָאמַאנְמַאכֶער **שׁ׳מ׳ר** הָאט דָאס אַלְץ עס
גֶעגַאשְׁט בַּא זֵיי אוּנ הָאט אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגֶען זֵייעֶרֶע הֶעלְדֶען פוּן
פַּארִיז קַיין נְיֶעסְוִויזְשׁ, פוּן מַארְסֶעל קַיין בַּארְדִיטְשֶׁעוו
אוּנ פוּן בָּארְדָא קַיין אֵיישִׁישָׁאק! דְרוּם קֶעהְר זִיךְ עס טַאקֶע
אַזוֹי אָן מִיט אוּנְזֶער יוּדֶעשֶׁען לֶעבֶּען פוּנְקְט אַזוֹי ווִי מַארְסֶעל מִיט
בַּארְדִיטְשֶׁעוו; דְרוּם קְלֶעפְּט זִיךְ אַזוֹי צוּ אוּנְז **שׁ׳מ׳ר׳ס**
הֶעכְסְט אִינְטֶערֶעסַאנְטְנֶע רָאמַאנֶען, פוּנְקְט ווִי אַיין אַרְבֶּעס צוּ דֶער
וַואנְט. אָט נֶעם אִיךְ דָא פוּנ׳ם טִישׁ אֵיינֶעם פוּן דִי בֶּעסְטֶע רָאמַאנֶען

פון **ש׳מ׳ר**. „דער ארמער מיללָיאנער״ (אין העבסט אינטערעסאנטער ראמאן אין צוויי טהייל)

דער דאזיגער העכסט אינטערעסאנטער ראמאן, הערר׳ן פרי-סיאושנע ואסיעדאטעלעס, איז איבער געמאכט, איבער געניצעוועט, נאכגעמאנצט, נאכגעקריצט נאך דעם געוויסען ראמאן „די געהיימנים פון פאריז״ פונ׳ם געוויסען פראנצויזישען ראמאניסט עזשען סיו *). אויף וויפיל דער דאזיגער ראמאן

---

*) ווי עס וויזט אויס איז דעם הערין פראקיראר אומבעקאנט געווען אלכסנדר דיומא׳ס ווערק „גראף מאנטעקריסטא״, ווען ער וואלט עס געליזען וואלט ער געזעהן אז „דער ארמער מיליאנער״ איז נאך געמאכט געווארן פונקטליך נאך דיומא׳ס ווערק, נאר דיא פראנצויזישע נעמען פון די העלדען, אף יודישען.

איוואנדער אף דעם הערין סטענאגראף „**שלום עליכם**״ וואס ער האט עס ניט באמערקט!, אדער אפשר איז דאנקבארקייט צום פראקיראר פאר זיין פערטיידיגונג דעם ששארגאן האט ער אים ניט געוואלט איבער שלאגען די רייד; איבריגענס, וואס איז דעם לעזער דיא נפקא מינה, פון וואנען סע איז נאך געמאכט אביא ניט קיין אייגענס . . . .

הבחור הזעצער

הערת המחבר

חטאתי, עויתי, פשעתי! וויגאוואס, וויגאוואס, וויגאוואס!, איך גלויב דעם בחור דעם זעצער, ווילכער איז א בר סמכא אין דעם ענין, אז דעם „ארמען מילליאנער״ האט **ש׳מ׳ר** איבער געניצעוועט אויף דער לינקער זייט פונ׳ם „גראף מאנטעקריסטא״; אך! ווען איך האב אצונד דעם „גראף מאנטעקריסטא״ וואהלט איך פאר איהם אפ געגעבען א זאק בארשט מיט אללע פיפצינ הכנסת אינטערעסאנטע ראמאנען פון **ש׳מ׳ר**! נאר ווער איז שולדיג, ווען ניט **ש׳מ׳ר** אליין? ווער איז דאס מחויב נאכצוקוקען אינ קאנטראלירען זיינע ווערק? דער פערפאסער גופא איז מחויב אנווייזען דאס ארט, פון וואנען ער באציהט אזא מין

פונ'ם פראנצויזישען ראמאניסט עזשען סיו, איז גוט אדער שלעכט איז ניט אצונד די צייט צו שמועס'ן. א געוויסען העברייער קלמן-שול מאנן איז געפעללען דער דאזיגער ראמאן — איז ער געגאנגען און האט איהם איבערזעצט, פשוט, איבער געזעצט אויף לשון הקודש, און דווקא גוט איבער געזעצט. וואהלט דאס, דאכט זיך **ש'מ'ר** אויך געמעגט טוהן — נעמען און איבערזעצען אויף זשארגאן „די געהיימנים פון פאריז פון עזשען סיו" — און געענוג! ניין — אונזער פאדסודימע וויל ניט זיין קיין פשוטער איבער זעצער: סע שטעהט איהם ניט אן. וואס זשע האט ער געטוהן? האט ער „געמאכט"

רויכווארג. למשל, אם ליגען פאר אונזערע אויגען דריי „היסטארישע" ראמאנען פין **ש'מ'ר**:

1) „דער געמאכטער יורש" — איין היסטארישער ראמאן.

2) „חתן דמים" — א היסטארישער ראמאן.

3) „דער פאלשער הערצאג" — א היסטאריש ערצעהלונג.

אויף אם די אללע דריי ביכער שטעהט „פערפאסט פאן **ש'מ'ר**" (נישט איבער געזעצט?) בין איך נבהל ונשתומם געווארען: ווי קומט עס צו **ש'מ'ר'ן** מאכען א היסטארישען ראמאן? דען אויף צו מאכען א היסטארישען ראמאן דארף מען קודם כל וויסען, וואס הייסט היסטאריע, און אויף צו וויסען היסטאריע דארף מען קענען נאך עפעס . . . לכן בין איך שטארק מסופק אויב זיי קעהרען זאך אן מיט דער היסטאריע, ווען זיי זענען חס ושלום נים איבער געניצעוועט ווי אללע אנדערע ראמאנען פין **ש'מ'ר**. . . לכן לייג איך אפ די דאזיגע דריי „היסטארישע" ראמאנען מיט נאך עטליכע אנטיקלאך פון **ש'מ'ר**, און פון די מזיקים, וואס טאנצען נאך **ש'מ'ר'ן**, כמעט ביז א האלבע מאה, וואס גוטע ברידער האבען מיר צו געשיקט — לאנג לעבען זאלען זיי — אויפן צווייטען מאהל איה"ש אין גיכע צייטען מיט פרייהליכע הארצער — אמן.

שלום עליכם.

אַיין אֵייגֶענֶעם רָאמַאן מִיט עֶזְשֶׁען סִיוּס הֶעלְדֶען אוּנ הָאט אִיהְם אַ נָאמֶען גֶעגֶעבֶּען „דֶער אָרְמֶער מִילְלְיָאנֶער״, דֶערְפַאר וַוייל בַּא עֶזְשֶׁען סִיוּ שְׁפִּיעלְט דִי הוֹיפְּט רָאלְלֶע דֶער פְּרִינְץ רוּדָאלְף, אוּנ דָא שְׁפִּיעלְט דִי זֶעלְבֶּע רָאלְלֶע אַ יוּד גְלַאזְוַואלְד, אַ מִילְלְיָאנֶער. וֶוער גְלַאזְוַואלְד? וָואס גְלַאזְוַואלְד? — דָאס אִיז נִיט אוּנְזֶער עֵסֶק צוּ ווִיסֶען. פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי דֶער פְּרִינְץ רוּדָאלְף גֶעהְט אַרוּם אִינְקָאגְנִיטָא (פֶערְבָּארְגֶען) אִין פַּארִיז אוּנ זוּכְט זַיין פֶערְלָאהְרֶענֶע פַאמִילְיֶע, אַזוֹי גֶעהְט אַרוּם גְלַאזְוַואלְד אִיבֶּער דֶער שְׁטָאדְט נְיֶעסְוִויזְשׁ אוּנ זוּכְט אוֹיךְ זַיין פֶערְפַאלְלֶענֶע פַאמִילְיֶע. דֶער פְּרִינְץ רוּדָאלְף, ווִי עֶס אִיז אַייךְ בֶּעווּאוּסְט, הָאט עֶנְדְלִיךְ אָפּ גֶעזוּכְט דִי פַארְלָאהְרֶענֶע טָאכְטֶער מַארִיע, אוּנ דֶער הֶער גְלַאזְוַואלְד הָאט אָפְּגֶעזוּכְט זַיין פֶערְלָאהְרֶענֶעם זוּהְן נַפְתָּלִי דֶעם זֵייגֶער מַאכֶער. פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי בַּא עֶזְשֶׁען סִיוּ גֶעפִינְט אִיר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶען מֶערְדֶער זְשַׁאק פֶערַאן, אַזוֹי הָאט אִיר בַּא שׁ׳מ׳ר׳ן אוֹיךְ אַ שְׁקָאנְטִיסְט הֶערְצֶענְשְׁטֵיין, אַ גַנָב אוּנ אַרוֹצֵחַ שְׁפִּין, עֶפֶּעס אַמִין פִּיפֶּערְנָאטֶער „גִילְאן״ פוּן פַּארִיז(?) אַיין „אַלִיזַאבֶּעט״ אוּנ נָאךְ אוּנ נָאךְ הֶעלְדֶען. אַז בַּא עֶזְשֶׁען סִיוּ אִיז דָא אַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶע אַיין אָרֶעמֶע פַאמִילְיֶע „מָארֶעל״ אִין פַּארִיז, פַאר ווָאס זְשֶׁע זָאהְל נִיט זַיין בַּא שׁ׳מ׳ר׳ן דִי זֶעלְבֶּע אָרֶעמֶע פַאמִילְיֶע צִיפֶּה מִיט לֵאָה׳ן אִין נְיֶעסְוִויזְשׁ? דָארְט קוּמְט רוּדָאלְף אוּנ לֵייזְט זֵיי אוֹיס פוּן דֶער נוֹיטְה, אוּנ דָא קוּמְט גְלַאזְוַואלְד אוּנ זִיצְט אִיבֶּער לֵאָה׳ס בֶּעטֶעל — ווָאס אִיז דִי נַפְקָה מִינָהּ?

נָאר אִיךְ זָאג אַייךְ נָאךְ אַ מָאהְל, ווֶען שׁ׳מ׳ר ווָאהְלְט דִי גַאנְצֶע פֶערְפְּלָאנְטֶעטֶע גֶעשִׁיכְטֶע אִיבֶּער זֶעצְט אִין זְשַׁארְגָאן, ווָאהְלְט

עס נאך געהאט עפּעס א נאמען און מיר וואלטען נישט געהאט דאס רעכט צו רעדען דער פון, דען מיר וואלטען שוין דעמאלט גערעט וועגען עזשעןסיו, ניט וועגען אונזער פּאדסודימע ש׳מ׳ר, נאר אזוי ווי ש׳מ׳ר האט דעם געגעבען א נייעם נאמען און האט עס ארויס געגעבען פאר איין אייגען ווערק, לכן פערגעסען מיר אן עזשען סיו און באטראכטען „דעם ארמען מיללינאנער״, ווי א יודעש ווערק, ווי א ראמאן פון ש׳מ׳ר.

צום בעדויערען אבער געפינען מיר ניט אינ׳ם גאנצען ראמאן קיין איינציגען טיפּ פון קיין יודען, קיין איינציג יודעש בילד. קיין קאפּ יודעש ניט. דער פערפאסער פיהרט דורך פאר אונזערע אויגען, ווי א קאמעדיאנשטשיק, א גאנצע מחנה פון קוקלעס, פון געמאכטע מענטשעלעך, וואס געהען, לויפען, זיצען, רעדען; דער איז איינגע-ליעבט אין דעם, יענע איז פארליעבט אין יענעם; דער איז איין ענגעל, א זעלטענהייט, א וואהלטהעטיגער מענטש, יענער איז א גזלן, א רוצח, א מערדער; דער איז א חכם, יענער איז א אידיאט; די איז א בילדשאנע צארטליכע פרוי מיט בלאנדע לאנגע האר, און יענע איז מיאוס, האסליך, ווי דער טויט ... ש׳מ׳ר הייסט דעם אדער יענעם העלד פאללען אויף די קניהען און זאגען: „איך האב דיך ליעב מיין ענגעל!״ פאלט ער אויף די קניהען און זאגט: „איך האב דיך ליעב, מיין ענגעל!״

עפּעס נישט קיין ראמאן איז דאס, ניין; דאס איז עפּעס א מין קאטערינקע, א מין קאסטעל, וועלכ׳ס ש׳מ׳ר דרעהט פון יענער זייט, און סע געהט ארויס פון דער זייט „ליעבע!״ אללע האבען

בַּא אִיהְם לִיעבּ, אוּנ אַלְלֶע אוֹיף אַיין אַרְט; אַלִיזַאבֶּעט פַאלְלְט אִין אוּנְמַאכְט, דִי מָאדִיסְטְקֶע פַאלְלְט אִין אוּנְמַאכְט, אַלְלֶע פַאלְלֶען אִין אוּנְמַאכְט, דֶען אַלְלֶע זֶענֶען גְלַייךְ אָפּ גֶענַארְט אִין זֵייעֶר לִיעבֶּע, אַלְלֶע זֶענֶען גְלַייךְ פֶערְצְוֵוייפֶעלְט אוּנ אַלְלֶע זֶענֶען גְלַייךְ פֶערְגְלוֹיבְּט -- אַזוֹי אַז אַלְלֶע הֶעלְדֶען זֶענֶען אַזוֹי אֵיינְלִיךְ, אַז וֶוען נִיט דִי פֶערְשִׁיעדֶענֶע נָאמֶען, וָואהְלְטֶען מִיר נִיט גֶעוואוּסְט קַיין שׁוּם אוּנְטֶערְשִׁיעד צְוִישֶׁען אַלִיזַאבֶּעטֶע דִי רַייכֶע אוּנ לֵאָה דִי אָרֶעמֶע, צְווִישֶׁען גְלַאז-וַואלְד דֶעם מִילְלְיָאנֶער אוּנ צְווִישֶׁען נַפְתָּלִי דֶעם זֵייגֶער מַאכֶער, צְווִישֶׁען הֶערְצֶענְשְׁטֵיין דֶעם שְׁקָאנְטִיסְט אוּנ צְווִישֶׁען שְׁפִּין — הֶעכְט — פַייעֶרְפַאנְג דֶעם מֶערְדֶער. אַ מֶערְדֶער הֵייסְט בַּא **שׁ׳מ׳ר׳ן** דֶער, וָואס הַרְגִ׳ט מֶענְטְשֶׁען, רַאבֶּעוֶועט גֶעלְט, אוֹיפְ׳ן גְרוֹיסֶען וֶועג, טְרָאגְט מֵתִים פוּן דִי קְבָרִים, מַאסְקִירְט זִיךְ אִינְטֶער פֶערְשִׁיעדֶענֶע נָאמֶען; אָט אִיז עֶר שְׁפִּין דֶער רוֹצֵחַ, אָט אִיז עֶר הֶעכְט דֶער פַאדְרַאטְשִׁיק אוּנ אָט אִיז עֶר פַייעֶרפַאנְג דֶער מָאדִיסְטְקֶעס מַאנְן, אוּנ אוּמֶעטוּם הָאט עֶר אַ נַייעֶ כַּלָה, אַ רַייכֶע כַּלָה מִיט אַסַךְ נְדָן, מִיט פִילְל גֶעלְט — גֶעלְט אִיז בַּא **שׁ׳מ׳ר׳ן** וִוי מִיסְט, סֶע וַואלְגֶערְט זִיךְ בַּא אִיהְם מִילְלְיָאנֶען אִין אַלְלֶע ווִינְקֶעלַאךְ!

אָט דָאס הֵייסְט בַּא **שׁ׳מ׳ר׳ן** אַ שְׁלֶעכְטֶער הֶעלְד, אַ מֶערְדֶער; עֶר פַארְשְׁטֶעהְט נִיט, אַז אַ שְׁלֶעכְטֶער הֶעלְד, אַ מֶערְדֶער, קָאן זַיין אַ שָׁאנֶער יוּד, אַ פַיינֶער בַּעל הַבַּיִת, דַווְקָא נִישְׁט קַיין פַאר-מַאסְקִירְטֶער אוּנְטֶער דְרַיי פֶערְשִׁיעדֶענֶע נָאמֶען; עֶר פַארְשְׁטֶעהְט נִיט, אַז מֶע קָאן זַיין אַ מֶערְדֶער אוּנ נִיט סַמִין, נִיט קוֹילֶען, נִיט רַאבֶּעוֶוען בַּאנַאכְט אַקֶעגֶען דֶער לְבָנָה, אוּנ נִיט שְׁלֶעפֶּען קַיין מֵתִים פוּן דִי

קְבָרִים, וָואס דָאס אִיז נָאךְ בַּא יוּדֶען קֵיין מָאהל נִיט גֶעשֶׁעהֶן, אוּנ מִיר שְׁטֶעהְלְט זִיךְ גָאר נִיט פָאהְר, אַז סֶע גֶעפִינֶען זִיךְ נָאךְ אַזֶעלְכֶע שׁוֹטִים צְווִישֶׁען דִי לֶעזֶער וָואס קָאנֶען דָאס אָנְנֶעמֶען פַאר גוּט גֶעלְט אוּנ גְלוֹיבֶּען דֶעם פֶּערְפַאסְסֶער אוֹיף נֶאֱמָנוּת.

אַלְזָא, ווִי בַּאלְד דֶער רָאמַאן קֶעהְר זִיךְ נִיט אָן מִיטְ'ן ווִירְקְלִיכֶען לֶעבֶּען, אִיז דֶער רָאמַאן נִישְׁט קֵיין רָאמַאן, אִיז דֶער רָאמַאן אַ בָּבָא-מַעֲשֶׂה, אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ בֶּן-מֶלֶךְ מִיט אַ בַּת-מַלְכָּה, פוּן אַ רָב מִיט אַ רֶבֶּצִין, פוּן צְוֶועלְף בְּרִידֶער מִיט צְוֶועלְף שְׁלֶאסְסֶער, פוּן אַ-פְלֶעקְהוּנְט מִיט אַ וָואוְוֶעקְעלַאקֶע א. ד. ג.

נָאר דָאס וָואהְלְט נָאךְ נִיט גֶעוֶוען קֵיין גְרוֹיסֶער אוּמְגְלִיק, ווֶען **שמר'ס** רָאמַאנֶען זָאהְלֶען נוּר זַיין פּוּסְט אוּנ אוּנְנִיטְצְלִיךְ פַארְ'ן פָאלְק, ווִי דִי בָּבָא-מַעֲשִׂיוֹת מִיטְ'ן פְלֶעקְהוּנְט אוּנ מִיט דֶער וָואוְוֶעקְעלַאקֶע; מִיר זֶעהֶען אָבֶּער, אַז אוֹיסֶער דֶעם, זֶענֶען זֵיי נָאךְ שֶׁעדְלִיךְ אוֹיךְ פוּן דֶער מָארַאלִישֶׁער זַייט, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ עֶס אַייךְ פְרִיהֶער אוֹיסְגֶעווִיזֶען אוּנ אַזוֹי ווִי אִיךְ וֶועל עֶס אַייךְ ווַייזֶען ווַייטֶער אי"ה.

אוּנ אַזוֹי ווִי מִיר פֶערְנֶעמֶען זִיךְ אַצוּנְד נוּר מִיט דֶער פַאנְטַאזִיֶע אַלְלֵיין, מִיט דֶעם, וָואס סֶע הֵייסְט בַּא **שמר'ן** רָאמַאן, לָבֵן גֶעה אִיךְ ווַייטֶער אוּנ גֶעבֶּען אַייךְ אוֹיף נָאךְ אַיין „הֶעכְסְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶענֶעם" רָאמַאן פוּן **שמ'ר**, מִיט דֶעם נָאמֶען „דִי עֲגוּנָה".

מִיט פֶערְגְנִיגֶען הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי הַקְדָמָה, וואו **שמ'ר** זָאגְט: „איך קאן אייך פאזיטיף זאגען אז אללע מיינע העלדען זענען פונ'ם לעבען גענומען . . ." דָאס הָאט מִיר זֶעהְר ווִילְד הֲנָאָה גֶעטְוּהְן, וָואס

שמ׳ר ווייסט האטש, אז די העלדען אין א ראמאן דארפען האבען א שייכות צום אמת׳ן לעבען; נאר וואס א מענטש קאן טוהן זיך אליין, וועט איהם קיין פרעמדער נישט טוהן, אונ דער צונג איז בא שמ׳ר׳ן דער גרעסטער שונא, דען ער זאגט ווידער אין דער זעלבער הקדמה מיט זיין סאמאהוואלניע-לשון: „איך ווייס אז לעזענדיג מיין ראמאן, וועט איהר פאטשען ב ר א וו א אזוי ווי בא מיינע ערשטע ראמאנען (*) אונ דער, וואס מיין ראמאן וועט ניט געפעללען, וועט ער מיר נור קאליע מאכען. בא דעם גבאי פונ׳ם קלויזעל ער זאהל מיך קיין שלישי ניט אויפרופען . . .“

נאך אזא מין „בראווא פאטשען“ מיט „שלישי אין קלייזעל“ האב איך באלד אנגעוואהרען דאס פערטרויהונג, די גאנצע דאוועריע צום דאזיגען „העכסט אינטערעסאנטען“ ראמאן אין צווי טהייל.

נאר לאמיר זעהען, וואס פאר העלדען פונ׳ם לעבען מאהלט אונז דא שמ׳ר, וואס וויל אונז איינרעדען, אז אזעלכע באנדיטען געפינט מען געווענליך אין ליטא צווישען יודען (אזוי שווערט זיך שמ׳ר אויפ׳ן בלאטעל 52 פונ׳ם ערשטען טהייל „די עגונה“.)

נאר צו זאגען איז קיין מלאכה ניט, אונ גלויבען שמ׳ר׳ן אויף נאמנות איז קיינער נישט מחויב, דרום האב איך גענומען זוכען אינ׳ם גאנצען ראמאן האטש איין לעבעדיגע פערזאהן, ניט קיין אנגעבלאזענע קוקלע, האטש איין בעקאנטען טיפ, האטש איין ריכטיג בילד פונ׳ם יודישען לעבען,— נאר וואס האב איך געפונען? ווידער איין עגעל, איין אידעאל א הימעל-מענטש, וואס קומט געבאך אפ פאר פרעמדע חטאים אויף דער ערד, אונ ווידער א גזלן, א רוצח, א באנדיט (בא שמ׳ר׳ן געפינט איהר נור באנדיטען!) איין

אונמענש, וואס ראבעוועט, גזילט, זשעברעט געלט, לעבט א גוטען טאג — אונ סוף כל סוף באקומט ער די מפלה גאר אומגעריכט, צום פערגניגען פונ'ם פערפאסער אונ פון די לעזער, וואס ווייסען שוין אלע, אז דער רשע וועט שוין האבען בא ש'מ'ר'ן א בייזען סוף אונ דער צדיק וועט געגעזען ווערען אי"ה אין גיכע צייטען—אמן . . . אזוי איז בא ש'מ'ר'ן מיט דער „עגונה", מיט דער „חליצה", מיט דער „ירושה", מיט'ן „טיראנישען ברודער", מיט'ן „בעל תשובה", מיט'ן „ארמען מילליאנער", אונ מיט'ן „רייכען בעטלער", מיט'ן „אוצר", אונ מיט דער „היינט מאדישער כלה", אונ מיט דער „פארקויפטער כלה", אונ מיט אלע העלדען פון ש'מ'ר'ס „העכסט אינטערעסאנטע" ראמאנען, וואס זענען באמת איין גרויסער, אונענדליכער ראמאן, אין וועלכען עס בייטען זיך גאר די נאמען מיט די שטאדט, אזוי אז דא הייסט דער באנדיט הערצענ-שטיין, דארט הייסט ער פעלדבוים, דא הייסט ער פערץ, דארט הייסט ער וועלוועל וואכערניק, אונ דארט הייסט ער דניאל פינטעל — אבער „באנדיטען" זענען זיי אללע; זייא זענען אללע גנבים, גזלנים, זשאדנע מענטשען, בלוט זויגער'ס, וואמפירען, צבועקעס; זיי פיהרען רק אינטריגעס; זיי נאהרען אויס בא יעדען געלט; זייא האבען עטליכע מאל חתונה אונ באגראבען פיל שאנע אונשולדיגע מאמזעלען; זיי פיהרען פאניבראטסטווא מיט אלע וועלט-גנבים אונ שלאגען בלאט מיט די קברות-יודען, וועלכע גנבינען ארויס מתים פון די קברים (איר האט אמאל געהערט אזעלכע געשיכטעס בא יודען?)—מיט איינעם ווארט אללע העלדען פון ש'מ'ר, די באנדיטען, זענען ניט קיין העלדען, ניט קיין מענשען, ניט קיין הוות-רעות, נאר

גלאט אזוי פיפערנאטער׳ס, האלב פיש האלב מענש, וואוקעלאקעס, אהשתרנים, אבט פיסיגע פערד, אדער זא עטוואס, משונה ווילדע מורא׳דיגע ברואים פון אללע שאגע בבא מעשיות, פון טויזענד איין נאכט, צו שרעקען קליינע קינדער. . .

אזוי איז מיט די העלדען די באנדיטען אונ אזוי איז מיט די העלדען די מלאכים, די צדיקים, וועלכע זענען אויך אללע איין פראטאטיפ, איין מענש, נאר מיט פערשיעדענע נאמען: גוט, עהרליך, ארדענטליך, ריין, שאן, פיין, אהן א שום שווארץ פינטעלע, אטוואושנע סמיעלעווע יונגאטשעס, הויך געבילדעטע קינדער, געטרייהע, איבערגעבענע ביז לעצט; זיי שרייבען הייסע פלאמפייערדיגע בריעף אללע מיט איין שפראך, אללע רעדען וועגען דער היילגער ליעבע מיט איין סגנון, מיט איין טאן, ווי פון אבוך אויסגעשטעלט, איינגעהאזערט אויף אויסווייניג: „א! איך ליעב דיך, מיין ענגעל!“ „א! איך ליעב דיך, מיין לעבען!“ אזוי שטעהט **שמ״ר** פון הינטען אונ זאגט צום העלד: „זאג, א! איך ליעב דיך, מיין ענגעל“, זאגט ער: „א, איך ליעב דיך מיין ענגעל!“ ווארטער אהן הארץ, אהן א שום געפיעל, אווטאמאטיש, ווי פון א מאשין . . . דער פאר אבער די העלדינען, די פרויען, די מיידלעך בא **שמ״רן** פיהרען זיך שוין אנדערש, נאר אויך אללע אויף איין ארט, אללע נאך איין פראגראם, נאך איין אינסטרוקציע, דהיינו: זיי האלטען אללע פארריסען די אויגען ארויף, זיי זוכען דארט זייער אידעאל, וואס טוהט שוועבען אין ווייטען הימעל, אונ זינגען אין אללע ראמאנען זיסע - סענטימענטאלנע ליעדלאך, וועלכע איך ברייננ איך דא א גאנצע סעריע פון

פֶּערְשִׁיעדֶענֶע רָאמַאנֶען פוּן **שׁ׳מ׳ר.** צוּם בַּיישְׁפִּיל:

אִינְ׳ם רָאמַאן „דֶער אָרְמֶער מִילְלְיָאנֶער״ זִיצְט „אַלִיזַאבֶּעט״ בַּאם פָּארְטֶעפְּיַאנֶע אוּנ זִינְגְט:

„ איך ווילל שיין מעהר דא נים לעבין
קיין זאך איז מיר זים
איך וויל צו מיין ליעבין שוועבין
אהין אין פאראדיז ! . . . .

אִינְ׳ם וֶועלְבֶּען רָאמַאן זִיצְט לֵאָה דִי גֵייטֶערֶען אוּנ זִינְגְט אוֹיךְ דָאס וֶועלְבֶּע:

דארט אין הימעל צווישען די שטערען
שפאצירט מיין ענגעל לוסטיג פרייה
ער וועהט שוין נים מיינע טרעהרען
ער איז מיר שוין אונגעטרייא ! . . . .

אִינְ׳ם רָאמַאן „בַּעַל תְּשׁוּבָה״ זִינְגְט דִינָה שׁוֹין אוֹיף רֵיין דַייטְשׁ:

איך שטעה אם איינזאמען היגעל
אונד שויע נאך דיר צוריק
עס שענקט די װענקענדע זאננע
דיר עבען דען לעצטין גליק . . . .

אִינְ׳ם רָאמַאן „דֶער אוֹצָר״ זִינְגְט אִיטְקֶע פָאלְגֶענְדֶעס:

. אין דער שטיללער אבענדשטונדע
. ווען דער בלאססער מאנד שטראללט העראב . . . א. ז. וו.

— שמר'ס משפט —

אינ'ם „טראגישען ברודער" איז שוין פערקעהרט, דער העלד פרין האט אנגעהויבען צושרייבען פאעזיע צו דער כלה (איר פארשטעהט וואס הייסט „שרייבען פאעזיע"?)

די שאנע זאהנע מיט אידרע שטראללען
דארפען צו דיינע פיס פאללען
ווי דארפען זיפצען שרייען (ווער?) אוי וועה!
דען דו ביסט פילל שאנער פון זיי! .... (פון וועמען?)

אינ'ם „רייכען בעטלער" זינגט העללענא פלאנצבערג:

ער איז איין ענגעל פון נאטור געשיקט
דאס ווערדע איך זאגען ביז מיין טידט
מיין פערשמאכטעטעס הערץ האט ער דערקוויקט
געטרעסטעט האט ער מיך פון מיין נויטה....

אינ'ם ראמאן „דער בשער יוד" זינגט ליזעס פאקאזיאווע (דינסטמיידעל):

מיין ליעבער איז ווייט פון דאנען
איך בין געבליבען אלליין
אללע מיידלאך האבען מאנען
נאר איך, געבאך, זיץ אונ וויין....

אינ'ם ראמאן „דער חרם" זיצט רבקה'לע אונטער א בוים אונ זינגט א ליעד:

מיין ברוסט איז מיט לידען פאלל
דו מוזט ליבענדער פערלאססען מיך
פליכט איז היינט דאס לעצטע מאל
וואס איך זעה מיין לעבען דיך....

אינ'ם ראמאן „צווישען צוויי פלאמען" זינגט פ ע ר ע ל ע פאנגענדעס :

אויף מיינע ליפען פיעל איך זיין קוס
איך הער זיין זיסען קול
דאס איז געוויס ווי צוקער – זיס
אך ! וואו נעם איך איהם נאך אמאהל ! . . .

אין „דער „בלינדער יתומה" זינגט ל י ז ע ט ע צו א י צ י ק י ן מעלאנכאליש :

אדער אין ליעבע שטעקט דיין שמערץ
זי האט דיך טיראניש ענטזאגט
איז דאס די אורזאכע פון דיין שמערץ
ביזט דארום פערווינט פערקלאגט . . .

פון די דאזיגע געקליבענע פערלען זעהט איר, הערען פריי-סינזשנע זאסיעדאטעלעס, אז אונזער פאדסודימע שמ'ר איז ניט נור א גרויסער ראמאניסט, א מאראליסט און א סאטיריקער, ער איז אויך א שאנער פאעט פאר אלטע מיידען, פאר איבערגעזאקסענע כלה'ס, פאר פרידורקעוואטע בחורים — א פאעט אפילו א היבשער, מע קאן ניט זאגען אז שמ'ר איז אזא פאעט ווי ג א ל ד פ א ד ע ן, נור ווי מ ש ה מ א ר א ה א ו ו א ס ק ע מ ב א ה ס ל א ו ו אוודאי, ווען דער דאזיגער פאעט מ ש ה מ א ר א ה א ו ו א ס ק ע מ ב א ה ס ל א ו ו שניידט זיך אויף ג א ל ד פ א ד ע נ ס שניט און ניצעוועט איבער ג א ל ד פ א ד ע נ ס ליעדער פונ'ם „י ו ד ע ל ע" אזוי קונציג, אז סע מחיה נפשות :

— שמר'ס משפט —

מיין ווייב וויגט מיך אין וויגעל
פאר דעם שטיקעל קיגעל . . .
זי שרייט גיוואלד
איך וואהל איהר געבען באלד . . .

(די „היינט צייטונגע ליעדער" פון
משה מאראהאווסקי מבאהסלאוו)

—הערר פראקוראר! האט זאך אן גערופען דער פרעדסיעדאטעל איך וויל אייך בעטען, איר זאהלט רעדען צו דער זאך; איר האט אנגעהויבען מיט **שמ'ר'ס** ראמאן „די עגונה" און ווענט ארויף אויף משה מאראהאווסקע'ס פאעזיע...

—יא, הערען פריסיאזשנע זאסיעדאטעלעס, אמת, דער פאעטישער טאלאנט פון אונזער פאדסודימע האט מיך אזוי בעצויבערט, אזוי צו רייצט, אז איך האב זאך גאר פארגעסין אן דער „עגונה" פון **ש'מ'ר.**

גאר אונזער טאלאנטפאללער ראמאניסט, וואס האט שוין אן געשריבען אויף זיין לעבען אזוי פיל ראמאנען, האט אויף געטוהן אין דער „עגונה" א נייס, בכדי צו פאר אינטערעסירען דאס פובליקום. דאס נייס, וואס **ש'מ'ר** האט אויפגעטוהן, איז— סקאנדאל.

הנם אין אנדערע ליטעראטורען איז דאס שוין ניט קיין נייס, ווי צום ביישפיל אין פאריז די „בולווארנע" ראמאנען, וועלכע געהען

אַרוּיס כִּמְעַט יֶעדֶען טָאג מַאסְסֶען, אוּנ דִי פְּרַאנְצוֹיזֶען הַאפֶּען עֶס וִוי הַייסֶע לָאקְשֶען, דֶען דֶער דָאזִיגֶער עוֹלָם הָאט לִיעבּ סְקַאנְדַאלֶען; נוּר בַּא אוּנְז, יוּדֶען, אוּנ נָאךְ אִין זְשַארְגָאן, אִיז דָאס זֶעהְר אַ ווִיכְטִיגֶעס נַייס, אוּנ דָאס נַייס אִיז שַׁיךְ נוּר צוּ **שׁ'מ'ר'ן** אַלֵיין.

הֶערְט אַ שֶׁאנֶע מַעֲשֶׂה:

(איש היה בקיטנעוויץ), אַ יוּד אִיז גֶעוֶוען אִין קִיטְנֶעוִויץ אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען בִּנְיָמִין; עֶר אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט מֶעהְר, ווִי אַ מֶעקְלֶער פוּן עֲגָלוֹת, אַ קַבְּצָ'ן, רַחֲמָנָא לִיצְלַן, נָאר פְּלוּצְלִים... אַזוֹי וִוי בַּא **שׁ'מ'ר'ן** קוּמְט יֶעדֶער זַאךְ פְּלוּצְלִים אוּנ אוֹיף יֶעדֶען טְרִיט טְרֶעפֶען זִיךְ נִסִים וְנִפְלָאוֹת— אִיז בִּנְיָמִין דֶער קַבְּצָ'ן גֶעוָואהְרֶען אַ גְבִיר עָצוּם פוּן מוֹיעֶרֶען, פוּן גָאלְד אוּנ פוּן זִילְבֶּער. דֶער בִּנְיָמִין הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן אַהֲרֹן, אַהֲרֹן פֶעלְדְבּוֹים; אַהֲרֹן פֶעלְדְבּוֹים אִיז גֶעוֶוען, וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז, אַ הוּלְטַאיי, אַ גַנָב, אַ גַזְלָן, אַ מֶערְדֶער, — מִיט אֵיינֶעם וָוארְט אַ בַּא נְדִיט! עֶר הָאט אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט פִילְל פְרוֹיעֶן... דֶער עֶרְשְׁטֶער קָרְבָּן זַיינֶער אִיז גֶעוֶועזֶען אַיין אֵשֶׁת-אִישׁ, חַנָה-רָחֵל, וועלְכֶע אִיז נָאכְדֶעם אִיבֶּער אִיהְם אַיין „עֲגוּנָה" גֶעבְּלִיבֶּען.. .אַהֲרֹן פֶעלְד-בּוֹים הָאט אוֹיךְ אִיהְר פָאטֶער'ס הוֹיז אוּנְטֶערְגֶעצוּנְדֶען . . . דֶער זֶעלְבֶּער אַהֲרֹן הָאט אוֹיךְ אַ קְלֵייסְטֶער בַּאגַנְבִית (אִיר הֶערְט, וָואס פַאר מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת?!)... נַאכְהֶער הָאט דֶער רַייכֶער בַּאנְדִיט, אַהֲרֹן פֶעלְדְבּוֹים, חַתוּנָה גֶעהַאט, נָאוֹ' עֶר הָאט נִיךְ־דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע פְרוֹי גֶעפַּטִירְ'ט, דֶען עֶר הָאט אִיהְר... וָואס מֵיינְט אִיר? — גֶעסַמְט? גֶעקוֹילֶעט? פַארְבְּרֶענְט? הַס וְשָׁלוֹם! עֶר הָאט אִיהְר נָאר גֶעוָוארְפֶען אַ לֶעבֶּעל בְּרוֹיט אִין קָאפּ אַריין, אִיז זִי דֶערְפוּן מְשׁוּגָע גֶעוָוארֶען... אִיר

פארשטעהט ? אזא מין אומגליק קאן זאך נור טרעפען בא **שמר'ן**... נאכהער האט אהרן פעלדבוים נאך דריי ווייבער געהאט אונ איר מיינט, אז דאס האט שוין איין עק ? אבער גאר לא ! אהרן פעלדבוים האט געווארפען איין אויג אויף א שאן מיידעל מלכה. נור די דאזיגע מלכה האט געליעבט הנה רחל'ס זוהן אברהם. דעם פראצעס פון דער דאזיגער מערקווירדיגער ליעבע איז כדאי צו באטראכטען, ווי אזוי אברהם לערענט מלכה'ן „ליעבע"; ער פיהרט מיט איהר לאנגע, גאנץ לאנגע שמועס'ן, פהילאזאפישע שמועס'ן, אונ ענדיגט דאמיט, וואס אין דער היילינגער תורה שטעהט „לא תחמוד אשת רעך" זאלסט יענעמס ווייב ניט וועללען, אבער גלאט אזוי פארברייגגען, אהן א „שלעכטער מיינונג" — זאגט **שמר** — דאס מעג מען, ובפרט נאך מיט אזא פרוי, וואס האט ניט קיין מאן, איז דאך אוודאי א כשר'ער טאפ מיט א-כשר-ער לעפעל . . . אזוי לאנג אזוי ברייט, ביז מלכה הויבט אן צו קוקען ארויף אויפ'ן הימעל, וואו

. . . . צווישען די שטערהרען
שפאצירט איהר ענגעל ליסטיג פרייה,
ער זעהט שוין מעהר ניט אירדע טרעהרען
ער איז איהר שיין אונגעטרייא ! . . . .

אצונד לאמיר אוועק ווארפען דעם רב אונ געהן צו דער רבצי'ן, אוועק ווארפען מלכה'ן מיט איהר „ענגעל" אונ זאך אומקעהרען צו ריק צום באנדיט אהרן פעלדבוים. דער דאזיגער מזיק, שטעהלט אייך פאר, האט שוין ווידער געווארפען איין אויג אויף א שאן מיידעל, אויף יענטע ר' הערשעלע'ס, וועלכע דער מערדער האט זי אין ריין

געטין גיך אַריינגעגאַרט, און יענטע האט אנגעהויבען — זאָגט
שמ'ר — צומאַכען אהרנ'ן וויזיטען ביי נאכט . . . אַזוי לאַנג, אַזוי
ברייט, ביז זי האט אנגעהויבען צופּיעלען, אז זי דאַרף באַלד . . . מיט
איינעם וואָרט, דער פערפלוכטער מערדער האט זי אומגליקליך
געמאַכט און האט נאך אויסגעקלעהרט, אז יענטע קושט זאך מיט
דוד דעם בלי-זמר . . . . נאר דאס איז נאך אַלס בלאָטע; סע איז דא
אין קיטנעווין ליבקע דער רופא, וואס איז אַ ווילדער בריה אויף
אַפּטרייבען . . . איהם האט דאס אהרן בעשטעלט, ער זאל געבען
יענטען אַ „פלעשעלע" פון וועלכען זי איז, ענדליך, געשטאָרבען . . . .

נאר אַזוי ווי הימעל און ערד האבען געשוואָהרען, אַז
שמ'ר'ס באַנדיטען מוזען אָפּקומען אויף „דער" וועלט זייער גיהנ'ם,
לכן האט אהרן אנגעהויבען צו זעהען שרעקליכע חלומות מיט
גאַללוציגאַציעס, נאר דער באַנדיט האט נאך נישט אין זינען געהאט
תשובה צו טוהן; פאַרקעהרט, זיינע באַנדיטישע אינסטינקטען
האבען זאך נאך ערגער צובּרענט און ער איז אַוועק געפאָהרען
קיין רומיניען אויף דער מלחמה און האט דאָרט אנגעהויבען צו
זשעבּרען מיליאָנען מיט לאפּעטעס, און, איבערהויפּט, אומגליקליך
מאַכען מענטשען. אהין קיין בוקארעשט, האט **שמ'ר** איבערגע-
טראָגען די איבעריגע העלדען פונ'ם ראָמאַן און אהין פיהרט אונז
אַריין דער מחבר צו ווייזען אונז „דעם קוואל, פון וועלכע אַללע
האבען געלט געשעפּט, „און דעם גן-עדן, וואס איז געווען אין
דער קאַפּעע-הויז אין דעם פּרעכטיגען גראַנד-האָטעל . . ."

לייענענדיג אַ זעלכע פּאַדראָבנאָסטען, האב איך זאך גע-

שטויסען, אז מסתמא איז אין בוקארעשט אין יענער צייט געוועזען **שמ׳ר** אויך מיט זיינע ראמאנען און איך האב געהאפט, אז אט דא וועט אונז דער פערפאססער געבען ריכטיגע בילדער, אינ-טערעסאנטע געשיכטעס פון אונזערע ברידער אין בוקארעשט, און באמת האט יענע צייט און יענער ארט געקאנט געבען פיל שטאף צו שילדערען דאס יודישע לעבען אין פערשידענע הינזיכטען און באלייכטען דאס פון אללע מעגליכע זייטען; נאר אזעלעכס האבען מיר געקאנט ערווארטען פון איין אמת׳ן שרייבער, פון אזא פאלקס-שרייבער, ווי צום ביישפיעל ספעקטאר, וועלכער האט ליעב נאך צוקוקען צום יודישען לעבען און מאהלען ריכטיגע בילדער און טיפען, אויף וויפיל עס ערלויבט איהם זיין טאלאנט, אבער ניט פון אזא ראמאנמאכער, ווי **שמ׳ר**, האבען מיר געקאנט אזעלכעס פאדערען. **שמ׳ר** האט צו טוהן מיט באנדיטען און מיט אינטריגעס, מיט פיפערנאטערס און מיט וואוקעלאקעס, היינט וואס פאר א ווערט קאן בא איהם האבען אזא ר׳ הייקעל, צו אזא ר׳. טרייטעל, מיט וועלכע סע פערנעמט זיך ספעקטאר? אויף דעם ארט, וואס ספעקטאר וועט באשרייבען דעם בעל עגלה מיט זיינע צוויי שקאפעס, וועט **שמ׳ר** קאנען מאכען צעה׳ן באנדיטען, זיבען ענגלען, פינף אומשולדיגע נפשות, דריי טויטע מתים פון די קברים, א מלמד מיט איין ערלית אקעגען דער לבנה, א ״דועל׳ צווישען יאקעלזאהן און חאצקעלזאהן, מיט א פלעשעלע סם-המות, מיט א שטריקעל, מיט הייסע בריעף, מיט זיסע צוקער-דיגע ליעדער, מיט פארריסענע אויגען צום הימעל, מיט מורא׳דיגע חלומות און מיט אסך טרערען און מיט אסך בלוט!... אויף

דעם אָרט, וואס ספעקטאר וועט זאגען עטליכע ערנסטע ווערטער פונ'ם הארץ, צום בעדויערן דאס פאלק, דאס ארעמע פאלק, דאס יודעשע פאלק, וואס באשטעהט פון מיללי'אנען „עניים ואביונים" אונ פון געצייהלטע גבירים, אעלכע ואארעמע ווערטער, וואס געהן פונ'ם הארצען אונ פאללען אויפ'ן הארצען, אויף דעם אָרט, זאג איך, וועט שמ'ר אויסגיסען מאססען הויכע, גרויסארטיגע, פוסטע נאר קלינגענדיגע פראזען באצוקערט מיט שמ'ר'ס פהי'לאזאפיע.

„מיר זאלען בעטראכטען — זאגט שמ'ר — אין דעם צווייטען טהייל פון דער „ענונה"—מיר זאלען באטראכטען מיט אפענע קריטישע בליקען דער וועלט מיט דער גאנצער שעפפונג, וועלין מיר זעהען אז דאס לעבען איז שטענדיג צו זאמען געבונדען מיט'ן טוידט אונ דאס גליק איז שטענדיג נעקניפט מיט'ן אומגליק .... דעסוועגען דארפען מיר קיין פאקטען נים האבען, דאס וויסט יעדער, דרום האבען די אלטע הכמים*) געזאגט: דאס גליק איז א רעדעלע וואס קייקעלט זיך פון איינעם צום צווייטען ... דאס זעלבע זעהן מיר בא דער טירקישער קריעג אויך . . . ." אַ מָשָׁל!

אַמאל איז געוועזען צוויי ברידער, איינער איז געוועזען אַ חָכָם, אַ לַמדן, אַ מופלג בתורה, אונ דער אַנדערער האט געהייסען בנימין אונ האט געהאט אַ געלע באָרד—אַזוי איז דאס אויך . . . .

מיט שמ'ר'ס „פהילאזאפיע" בין איך שוין אַזוי געוואוינט, אז איך וויים זי שוין כמעט בעל-פה, דען יעדער קאפיטעל במעט הויבט זאך בא איהם אָן מיט אַ הויכער פהילאזאפישער רעדע, אין וועלכע דער פערפאססער צופלאקערט זיך אַ מאהל אַזוי, אַז ער רעדט ווי אַ באנדאר, אונ ניט אומזיסט זאגט שמ'ר אַלליין אינ'ם

*) וואסערע אלטע הכמים? וואו שטעהט עס געשריבען ?– אין „ראש חודש קרעמעניץ ?" . . .   הבחור הזעצער.

רָאמַאן „דִי חֲלִיצָה״ אוֹיף׳ן בְּלֶעטֶעל 46 בְּזֶה הַלָּשׁוֹן:

„איך האב מיך שין צו פילל פארדערט אין זייבינע זאכען; די לעזער וועלען געוויס פעראיבעל האבען, וואס איך פער דול זיי דעס קאפ מיט מיין פינסטערע פהילאזאפיע, זיי צאהלען נעבאך געלט פאר דער מעשה אלליין, דארום מוז איך זיי צוליב טוהן אונ וועל מיך צו דער געשיבטע אומקעהרען . . . .״

נָאר שׁ׳מ׳ר טוּהְט נִישְׁט צוּ לִיעב דֶעם לֶעזֶער אוּנ גִיבְּט אִיהְם כִּמְעַט אוֹיף יֶעדֶען בְּלֶאטֶעל זַיין „פִינְסְטֶערֶע״—וִוי עֶר רוּפְט עֶס אָן-פְהִילָאזָאפְיֶע, אוּנ מִיט אַזַא שְׁטַארְקַייט, מִיט אַזַא-נְ-עַזּוּת זָאגְט עֶר אַמָאהְל אַ זֶעלְכֶע זַאכֶען, אַז מֶע קָאן פְּלַאצֶען.

„די פראקטיק ווייזט אונז, אז . . . די ארעמע עלטערין ליעבען היסער אונ צארטליכער זייערע קינדער, אלס די רייכע . . .״ (דִי „עֲגוּנָה״, 2־טֶע טְהֵייל, זַייטֶע 55).

אִיךְ וֶועל אַייךְ נִישְׁט מְפוֹרָשׁ זַיין יֶעדֶען פְהִילָאזָאפִישֶׁען גֶעדַאנְק פוּן שׁ׳מ׳ר אוּנ וֶועל אַייךְ נוּר אוֹיסְרֶעכֶענֶען אַגַאנְץ צֶעטֶעל פוּן דִבְרֵי-חָכְמָה, וָואס אִיז גֶעגְרִינְדֶעט בַּא אִיהְם אוֹיף הִיסְטָארְיֶע, אַסְטְרָאנָאמְיֶע, פְּסִיכָאלָאגְיֶע, אַנְטְרָאפָּאלָאגְיֶע, פְּרֶענָא-לָאגְיֶע, א. ז. וו., וָואס סֶע הֵייסְט בַּא שׁ׳מ׳ר׳ן מִיט אֵיין נָאמֶען „פִינְסְטֶערֶע פְהִילָאזָאפְיֶע״, אָדֶער, וִוי אֵיינֶער אַ גְרוֹיסֶער עַם-הָאָרֶץ (מַיינֶער אַ בֶּעקַאנְטֶער) רוּפְט עֶס „קְרַאנְצֶעפָּאדְיֶע״ . . .

הֶערְט אַנְטִיקֶעךְ:

„אזוי ווי דער ארענטליכער מענטש קאן זיך קיין בעגריף נים מאכען, ווי אזוי ערלויבט זיך דער גנב צו גנבינען . . . . פונקט אזוי פארשטעהט נישט דער גנב, ווי אזוי קאן דער ארענטליכער מענטש רוהיג לעבען דורך א געשעפט . . . .״ (דִי „בְּלִינְדֶע יְתוֹמָה״, זַייטֶע 5).

„ווען דער מענטש האט אסך דאגות אונ ער ווייסט ניט וועגען וועלכער דארף צו זארגען, קומט איהם דאן אנטקעגען די גראסטע דאגה פון אללע דאגות . . . אונ אז די אנדערע דאגה געהט איבער, קומט די דריטטע דאגה, די פיהרטע דאגה א. ז. וו. ביז אללע דאגות אונ מע קאן זאגען, אז ער שטעהט בא דער לעצטער דאגה אין אזא פערצווייפלונג, ווי ער איז געשטאנען בא דער ערשטער דאגה . . . .‟ (דער רייבער בעטלער זייטע 73, 2־טע טהייל).

אזוי ווי דער ים האט נישט קיין גרונד, פונקט אזוי האט שמר'ס פילאזאפיע אויך קיין גרונד נישט, אונ איך וואלט באדארפט רעדען פאר אייך דריי טאג מיט דריי נאכט, ביז איך וואלט אייך בריינגען האטש א צעהענט חלק פון דעם, וואס אונזער פאדסודימיע האט אנגעשריבען אין זיינע הונדערט ראמאנען. עפעס א ווארטעלע אויס צו רעדען—א גאנצע מאה ראמאנען!!! אין יעדען ראמאן געפינען זיך פון 30 ביז 40 העלדען (אויף העלדען איז בא שמר'ן א געזעט) הייסט עס אזוי גרויס, ווי פיר הונדערט העלדען, דאס הייסט פיר הונדערט פערשידענע פארשוינען, אללערליי נפשות, דאזענע האראקטערען, וואס יעדער האט זיך זיינע געפיהלען, זיינע געדאנקען, זיינע פעהיגקייטען, זיינע נייגונגען זיינע געוואוינהייטען, זיינע מעלות מיט זיינע חסרונות פון דער נאטור אונ פונ'ם ערציהונג,— בכלל, דאס איז ניט אזא גרינגע מלאכה; מע דארף דער צו האבען גאר איין אנדער מין טאלאנט, אזוי אז יעדער ביכעל בעזונדער דארף זיין בעארבייטעט, סע דארף אנקומען מיט בלוט, סע דארף קאסטען געזונד, אונ אחוץ וואס מע מוז האבען דער צו די טהייערע מתנה פון גאטט, דעם טאלאנט, דארף דער פערפאסער, איידער ער לאזט

ארויס דאס ווערק, דארף ער עס פריהער גוט באטראכטען, צעהען מאל באטראכטען, אויסבעססערען, צורעכטמאכען, אונטער-פרישען באפוצען, סע זאל האבען אפנים פון א ווערק, פון א ליטעראַרישע ווערק, טשאקענדיג אונ קנאקענדיג, סע זאהל לעבען, סע זאהל רעדען ווארטער אי דעם קאפ אי דעם הארצען.

נישט אזוי האט אבער פארשטאנען זיין פפליכט אונזער פאדסודימע ש׳מ׳ר, וואס האט אנגענומען דעם זשארגאן, די פאלקס ליטעראטור, פאר א שפילעכעל, פאר א שטיקעל געשעפט צו מאכען יעדען טאג א נייעם ראמאן *) אונ ווערען א פאדריאטשיק, א פ א ס ט א וו ש ט ש י ק פון ראמאנען בא יודעשער דרוק... אונ דער עולם קוקט דערויף גלייכגילטיג, אונ די קריטיק קוקט אונ שווייגט. „ווייס איך, סע איז בלויז פאר'ן נאראד, פאר דער מאססע, פאר'ן המון-עם, וואס איז ניט קראנק צו קייען שטרוי, א דאגה א גרויסע!”—אונ אזא-נ-אויפן עקספלאאטירט מען די מאססע, מע נעמט בא איהר געלט אונ מע גיט איהר גראז אונ קיינער סמעיעט נישט זאגען א ווארט. „מילא ש׳מ׳ר— ש׳מ׳ר: ער האט פארט אנגעשריבען שוין אפשר הונדערט ראמאנען, אונ דער עולם לעזט זיי, מסתמא איז דאך עס עפעס!...” אונ אז דער געוויסער קריטיקער אינ'ם „וואסחאד”, הערר קריטיקוס, האט געפרוווט איבערקוקען איין ביבעל פון ש׳מ׳ר אונ האט עס אפגעשאצט נאך דער ווערטה, איז

*) ש׳מ׳ר אלליין בערידמט זאך, אז אין צוויי נעכט ווערט בא איהם פארטיג דער גרעסטער ראמאן. הבחור הזעצער.

אַרוֹיס דֶער גְרוֹיסֶער רָאמַאנְמַאכֶער מִיט אַיין אַרְטִיקֶעל אִינ׳ם „יוּדֶעשֶׁען פָאלְקְסְבְּלַאטְט״, אִין וֶועלְכֶען **שׁ׳מ׳ר** בֶּעווייזְט, אַז עֶר אִיז **שׁ׳מ׳ר** . . . .

נָאר אִיךְ קָאן זַאךְ נִישְׁט בֶּענוּגֶענֶען, הֶערְרְן פְּרִיסְיַאזְשְׁנֶע זַאסֶיעדַאטֶעלֶעס, מִיט דִי רָאמַאנֶען, וָואס מִיר הָאבֶּען בִּיז אַהֶער אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט אוּנ דוּרְכְגֶעמַאכְט, דֶען זֵיי זֶענֶען כִּמְעַט אַלֶּע שׁוֹין אַלְטֶע וֶוערְק, חַטֹאת נְעוּרִים, אָבֶּער אִין דִי שְׁפֶּעטֶערִיגֶע וֶוערְק, אַ קַשְׁיָא אוֹיף אַ מַעֲשֶׂה, טָאמֶער אִיז דָאס שׁוֹין נָאר נִיט דֶער **שׁ׳מ׳ר** ? אָפְט מָאל קְרִיכֶען טַאלַאנְטְפָאלֶע שְׁרַייבֶּערְס צוּרִיק, אוּנ דֶער קַאלְיֶעקֶע פַארְרִיכְט זַאךְ אוּנ מַאכְט גְרוֹיסֶע פָארְשְׁרִיטְטֶע, אַזוֹי אַז סֶע אִיז גָאר נִיט צוּ דֶערְקֶענֶען . . . דְרוּם עֶפֶענֶען מִיר אוֹיף אַצוּנְד אֵיינֶע פוּן זַיינֶע לֶעצְטֶע וֶוערְק, אַ שֶׁאנֶער רָאמַאן פוּן **שׁ׳מ׳ר** מִיטְ׳ן שֶׁאנֶעם נָאמֶען „פַּלְטִיאֵל אָקְס״, גֶעדְרוּקְט אִין ווִילְנָא אִינ׳ם 1887 יָאהְר,—אַ פְּרִישׁ אוּנ אַ צַאפֶּעלְדִיגְס, סֶע מְחַיֶה נְפָשׁוֹת.

„די פיעלע ראנקען—זָאגְט שׁ׳מ׳ר אִין דֶער הַקְדָמָה פוּנ׳ם דָאזִיגֶען שֶׁאנֶעם רָאמַאן—וואס איך ערהאלטע יעדען טאג פון מיינע לעזער . . . . ״

אוֹיף פָּשׁוּט יוּדֶעשׁ הֵייסְט עֶס. „קוּמְט, קוּמְט, קוֹנִים! אַהֶער, פֶּעטֶער, אַהֶער! דָא אִיז גוּט! דָא אִיז בִּילְלִיג! דָא אִיז פְּרִישׁ! אַרַיין, ר׳ קָרוֹב, אַרַיין!״

„ . . . . מיין ראמאן האט אין זיך אללעס, וואס דאס יודעשע פובליקום פאדערט : ריהרענדע סצענען, גרויסע אינטריגען, ליעבעס געהיימניסע, איבערראשענדע צו זאמענ= טרעפונגען . . . . ״

„שטעקעלאך, ביטשעלאך, ראזינקעס, קנאפעלאך,
העמדער, קראוואטען, לעקעכליך, ביימעלאך,
בייגעל, און צוויעכעס, און פאדעם, און זייף!...״

הכלל, **שמ״ר** ווייסט, וואס דאס פובליקום פאדערט; **שמ״ר** ווייסט, אז די מאססע האט ליעב בלענדזעניש, פאקוס־שטיק, גיבט ער זיי בלענדזעניש, פאקוס־שטיק; די טאלפא האט ליעב סקאנדאלען, גיבט ער זיי סקאנדאלען, איינער גרעססער פון׳ם אנדערען, אזעלכע סקאנדאלען.... נאר צו דעם וועלען מיר זאך באלד אומקעהרען; איך וויל ענדיגען זיין „הקדמה״.

„איך בעט נאך אמאהל מיינע לעזער, אז זיי וועלען נעמען, מיינס א ווערק אין האנט, זאלען זיי דאס גוט באטראכטען אויף דעם ערשטען בלאטעל, אויב סע איז דא מיין ריכטיגער נאמען, דען מע האט אנגעהויבען צו עקספלאאטירען מיין נאמען **שמ״ר** און שטעלען איהם אויף פערשיעדענע שמאטעס, בכדי די לעזער די איגען צו פארבלענדזין....״

דאס הייסט — Остерегайтесь поддѣлки!, אדער היט זאך פאר גנבים!... אך און וועה איז דער יונגער זשארגאן־ליטעראטור, אז סע קאנען זאך געפינען בא איהר א זעלכע מחברים מיט אזעלכע העראיסגעבער, וואס זאלען זאך באדעווען נאבצוטוהן **שמ״רן**! מיר קאנען איהם טרייסטען מיט די ווארטער פון א־רוססישען דיכטער:

— Увы! меня обобрали.
— Жалѣю о твоемъ я горѣ
— Пукъ моихъ стиховъ украли!
— Жалѣю я о ворѣ....

אויף-יודעש וועט עס אויסקומען אזוי:

—גוואלד! מע האט מיך בעגנבית.

—סע טוהט מיר לייד, סכנות.

—מע האט מיינ׳ס א ווערק געגנבית!

—אויפ׳ן גנב א רחמנות....

....

א רחמנות אויפ׳ן גנב, א רחמנות אויפ׳ן ושארגאן, א רחמנות אויפ׳ן פאלק!

אצונד הערט א סקאנדאל:

בנימין פריעדפיש איז געווען א בן-יחיד בא ר׳ לוי פריעדפיש א גרויסען גביר אין דער שטאדט באברויסק. אז בנימין איז אלט געוואָרען 19 יאהר, האט איהם **שׁמ״ר** געזאגט, אז סע איז שוין צייט זאך איינליעבען; איז ער געגאנגען אונ האט זאך איינגעליעבט אין א שאן מיידעל מארי ע, דעם רעווירזאר׳ס סאמוועל בערגט א ל׳ס א בת-יחידה (יעדער העלד כמעט איז בא **שׁמ״רן** א בן יחיד, אונ יעדע העלדין איז א בת יחידה).

בנימין האט אנגעהויבען מאכען אפטע וויזיטען צו דער שאנער מאריע, אונ איהרע עלטערען, וואס האבען געוואוסט, אז בנימין האט אסך געלט, האבען דאס געזעהען אונ האבען אסך ״מיט געווירקט״, געהאלפען אז ״די ליעבע זאהל זיך מעהר צו פלאמען״—אונ די ליעבע האט זאך ווירקליך אזוי צו פלאמט, ביז די שאנע מאריע האט ערפרייט דעם גוטען בנימינ׳ן אז ער וועט אי״ה באלד זיין א פאטער....

סֶע פַארְשְׁטֶעהְט זִיךְ, אַז דִי דָאזִיגֶע בְּשׂוֹרָה טוֹבָה הָאט דֶעם פֵיינֶעם בִּנְיָמִינ'ן גָאהְר נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט: לִיעבּ הָאבֶּען, רָאמַאנְסִירֶען', מְהֵיכָא תֵּיתִי, פַאר וָואס נִיט? אָבֶּער וֶוערֶען צוּ 19 יָאהְר אַ פָאטֶער–פֶּע! אוּנ סֶע אִיז דָאךְ טַאקֶע אַזוֹי –– זָאגְט **שׁ'מ'ר** מִיט זַיין פִינְסְטֶערֶער פְהִילָאזָאפְיֶע, אָדֶער קְרַאנְצֶעפָּאלְיֶע:

„.... דִי לִיעבּע, **זָאגְט שׁ'מ'ר**, אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ בִּיז מֶע גֶענִיסְט אִיהְרֶע פְרִיכְטֶע... קַיים אָבֶּער עֶרְלוֹיבְּט זַאךְ דִי לִיעבֶּענְדֶע צוּ גֶענִיסֶען אִיהְרֶע פְרִיכְטֶע...."

אִיר פַאר שְׁטֶעהְט?....

(בעת ההיא) אִין יֶענֶער צַייט, וֶוען בִּנְיָמִין הָאט גֶעטוּהְן גֶענִיסֶען דִי פְרִיכְטֶע פוּן דֶער לִיעבֶּע, אִיז גֶעוֶועזֶען בַּא אִיהְם פְרִיהֶער אַ מְלַמֵּד אוּנ נַאכְהֶער אַ קַאסְסִיר, אַ מַמְזֵר־יוּנְג, אַ יְשִׁיבָה־בָּחוּר, וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ פְּלֵיטָה פוּנ'ם וַויבּ, אַ לַמְדָן, אַ פָּרוּשׁ, אַ שְׁלֶעפֶּער, אַיין אוֹיסְוואוּרְף, אַ גַנָב, אַ גַזְלָן, אַ קוֹילֶער, אַ מִין וָואוְקֶעלַאקֶע, אַ פִּיפֶּערְנָאטֶער, אַ בַּאנְדִיט פוּן **שׁ'מ'ר'ס** בַּאנְדִיטֶען, מִיט זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען „פַלְטִיאֵל אָקְס".

פַאר דֶעם דָאזִיגֶען פַלְטִיאֵל אָקְס הָאט דֶער גוּטֶער בִּנְיָמִין אַנְטְפְּלֶעקְט דֶעם סוֹד, אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּהְן גֶענִיסֶען דִי פְרִיכְטֶע פוּן דֶער לִיבֶּע אוּנ אַז סֶע הָאט זַאךְ מִיט אִיהְם פַאר לָאפֶען אַ מִין מַעֲשֶׂה, רַחֲמָנָא לִיצְלַן, אַז עֶר דַארְף גָאהְר וֶוערֶען אִין גִיכֶע צַייטֶען אַ פָאטֶער....

—חַא-חַא-חַא! בִּיסְט אַ יוּנְגֶעל!-הָאט אִיהְם פַלְטִיאֵל אָקְס גֶעעֶנְטְפֶערְט—לַאךְ זַאךְ אוֹיס פוּן סַאמוּעֶל'ן, פוּן זַיין וַוייבּ אוּנ

פון זיין טאָכטער!...

—וואָס זשע גיט איר מיר פאַר אַיין עצה, ר׳ פּלטיאל?

—די עצה איז פּשוט: הבּראַקע איהם אָן אין זיין געגאַלטען פּנים!.. וואָס האָסט דו יסורים? איך וועל געפינען אַ מענטשיל, וואָס פאר 5 קארבלאַך וועט ער שרייען גוואַלד, אַז מאַריע איז שוואַנגער פון איהם...

—דאָס קאָנט איר טוהן? האָט בּנימין ערפרייהט געפרעגט.

—דאָס איז פון די קלענסטע זאַכען! האָט פּלטיאל געענטפערט.

—אָ! איר זייט מיין רעטטער, מיין בעסטער פריינד אין דער וועלט!— האָט בּנימין אַ געשריי געטוהן און איז געפאַללען פּלטיאל׳ן אויפ׳ן האַלז און האָט איהם געקושט מיט טרערען.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז פּלטיאל אָקם געקומען צו סאַמועל דעם רעוויזאָר און האָט געמאַכט מיט איהם אַ שמוע׳ס מכּח זיין טאָכטער מאַריע, וואָס האָט חתונה געהאַט אָהן כּלי-זמר... און האָט איהם געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז בּנימין קאָן דאַצו גאָהר נישט העלפען, סיידען נאר „דעם שאַנדפלעק פון דער פאַמיליע אָפּצוווישען"....

—לאָז אייער טאָכטער אַוועק פאָהרען קיין וואַרשוי, און לאָז דאָרטען זיצען בּיז זי וועט בּשלום איבּערקומען...דאָס איז ראשית חכמה; והשנית, וועט איר דאָך ניט אומבּריינגען אַ נפש, דען דאָס קינד, נעבעך, איז דאָך דאָ גאָהר נישט שולדיג....

—פאַרגעסט אָבּער ניט, וויפיל געלד מע דאַרף האָבּען דאַצו... -האָט זיך גאַנץ קאַלטבּלוטיג סאַמועל געענטפערט.

—זעהט איר, דאס זענט איר דווקא גערעכט—האט איהם פלטיאל געענטפערט—איך רעכען אז 500 קארבלאך איז גענוג?

—ווייניג,—האט סאמועל בערגטאל געענטפערט—דען מיין טאכטער איז ערשט אין 4-טען חודש... היינט הוצאות...

—אבער טויזענד רובעל וועט שוין זיין גענוג?

—יא, 1000 רובעל איז גענוג...

—נו, דערוויל א גוטע נאכט!....

. . . .

הערען סודיעס און הערען פריסיאזשנע זאסיעדאטעלעס, וואס קאן מען זאגען אויף אזא מין בילד? וואס קאן מען זאגען אויף אזא מין דאנאס אויף א גאנץ פאלק? דאס שרייבט א-יוד, א יודעשער מחבר, א יודעשער בעללעטריסט, א פאלקסשרייבער, און מאהלט אונז אוס, ווי אזוי יודעשע עלטערען פארקויפען קאלטבלוטיג זייער קינד, זייער איינציגע טאכטער לזנונים, און ווי אזוי מע פארשמירט זיי די ראנעס מיט 1000 קארבלאך—און סע איז שוין קיין אנדער געפיעל בא זיי, חוץ געלט, נישט געבליבען; נישטא שוין בא יודען קיין פאמיליענ-לעבען, מיט וועלכען דאס דאזיגע פאלק שטאלצירט צווישען אללע פעלקער; נישטא שוין מעהר קיין ליעבע, קיין טרייהייט, קיין רחמנות—נישטא גאהר ניט, אחוץ געלט, אחוץ 1000 קארבלאך!... אט אזעלכע בילדער קאן געבען נור א צורר היהודים, א יודאפאב, דער ערגסטער יודענפיינד! אזא מעשה איז נאך נישט געהערט געווארען אין ערגעץ צווישען יודען! נעמט זעהט, וואס שרייבט וועגען דעם דער

אוּנְשְׁטאַרְבְּלִיכֶער ט וּ רְ גֶ ע נְ יֶ ע וו אִין זַיין עֶרְצֶעהלוּנְג „זְ שִׁ י ד׳ ;
סֶע אִיז כְּדַאי צוּ זֶעהֶען, וְוִי אַזוֹי מָאהלְט אַ קְרִיסְט דָאס זֶעלְבֶּע בִּילְד,
כִּמְעַט, וָואס **שׁ׳מ׳ר** הָאט אוּנְז גֶעגֶעבֶּען אִין זַיין „פַּלְטִיאֵל אָקְס״.

וֶוער פוּן אוּנְז גֶעדֵיינְקְט נִישְׁט דֶעם רוֹיטֶען הִירְשְׁלֶען, דֶעם
רוֹיטֶען פַּאקְטָאר הִירְשֶׁעל (וָואס טוּרְגֶענְיֶעוו דֶערְצֶעהְלְט אוּנְז), וֶועלְכֶער
אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט מֶעהְר, וִוי אַ שְׁפִּיאָן, אוּנ וֶועלְכֶער הָאט פַאר אַ-
הוֹיפֶּען גִילְדֶענֶע רֶענְדֶעלַאךְ עֶרְלוֹיבְּט דֶעם הֶערְר אָפִּיצֶער צוּ קוּקֶען
אוֹיף זַיין שֶׁאנֶע טָאכְטֶער שָׂרָה! אָבֶּער קוּקֶען, נִישְׁט מֶעהְר וִוי
קוּקֶען! אוּנ אַז דֶער אָפִּיצֶער הָאט אִיהְם גֶעהֵייסֶען, אַז עֶר זָאל
זִיךְ אַוֶועק גֶעהְן אוּנ דִי טָאכְטֶער זָאל עֶר אִיבֶּערְלָאזֶען אִין פַּאלַאטְקֶע
הָאט אִיהְם הִירְשֶׁעל גֶעעֶנְטְפֶערְט:

—אַי, נַיין, נַיין, מֶע טָאר נִישְׁט, מֶע דַארְף נִישְׁט, אִיךְ וֶועל
זַיין אִין דְרוֹיסֶען, אָט דָא, בַּא דֶער זַייט, מֶע טָאר נִישְׁט, מֶע דַארְף
נִישְׁט!.......

אוּנ אַזוֹי הָאט מִיט אִיהְם הִירְשֶׁעל-פַּאקְטָאר גֶעפִּיהְרְט אַ-
צַייט; עֶר הָאט בַּא אִיהְם גֶעצַאפְּט רֶענְדַלאךְ, צוּ גֶעזָאגְט גִילְדֶענֶע
בֶּארְג—אוּנ דֶער אָפִּיצֶער הָאט נוּר גֶעקָאנְט קוּקֶען אוֹיף דֶער
שֶׁאנֶער סַארְרֶע, קוּקֶען אִין אִיהְרֶע גְרוֹיסֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען, קוּקֶען
אוֹיף אִיהְר שֶׁאנֶעם לִיכְטִיגֶען פָּנִים—אוּנ מֶעהְר נִישְׁט...

דֶער גְרוֹיסֶער קִינְסְטְלֶער ט וּ רְ גֶ ע נְ יֶ ע וו הָאט אוּנְז מִיט זַיין
טַאלַאנְטְפָאלְלֶער פֶּעדֶער בַּאוִויזֶען, וִוי אַזוֹי דִי לִיעבֶּע פוּנ׳ם עֶרְנְסְטֶען,
פוּנ׳ם פֶערְדָארְבֶּענְסְטֶען פָאטֶער צוּ זַיין קִינְד, אִיז הֶעכֶער אוּנ גְרֶעסֶער
אִיבֶּער אַלֶע אַנְדֶערֶע גֶעפִיעלֶען, אֲפִילוּ בַּא אַזַא נִידֶערִיגֶע, בַּא

אַזאַ זַשאַדְנֶע זַאךְ, ווי הִירְשֶׁעל פַאקְטָאר, ווי הִירְשֶׁעל דֶער שְׁפִּיאָן, וָואס הָאט זַיין לֶעבֶּען אָנְגֶעוָואהְרֶען איבֶּער עֶטְלִיכֶע רֶענְדְלַאךְ (מֶע הָאט אִיהְם גֶעהַאפְּט מִיט אַ פְּלַאן פוּנ׳ם רוּסְסִישֶׁען לַאגֶער אוּנ מֶע הָאט אִיהְם גֶעהַאנְגֶען). דֶער גְרוֹיסֶער גֶענִיֶע פוּנ׳ם סִימְפַּאטִישֶׁען שְׁרַייבֶּער טוּרְגֶענְיֶעוו הָאט אִיהְם אוּנְטֶערְגֶעזָאגְט, אַז אַזוֹי הוֹיךְ דַארְף שְׁטֶעהְן בַּאם יוּדֶען דָאס גֶעפִיעל פוּנ׳ם פַאמִילְיֶען-לֶעבֶּען, אַז אַזוֹי שְׁטַארְק, אַזוֹי הֵיילִיג דַארְף זַיין דָאס אוּמְשוּלְדִיגְקֵייט פוּן אַ-יוּדֶעשֶׁער טָאכְטֶער . . . .

הַיינְט פֶערְגְלַייכְט עֶס: דָאס שְׁרַייבְּט אַ רוּסְסִישֶׁער שְׁרִיפְּט-שְׁטֶעלְלֶער פַאר׳ן רוּסְסִישֶׁען נַארָאד, אוּנ יֶענְץ שְׁרַייבְּט אַ יוּדֶעשֶׁער מְחַבֵּר פַאר׳ן יוּדֶעשֶׁען פָאלְק! פַאר וָואס אִיז דָאס אַזוֹי? דֶערְפַאר, וָואס טוּרְגֶענְיֶעוו אִיז בֶּאֱמֶת אַ שְׁרִיפְּטְשְׁטֶעלְלֶער, אַ גֶענִיֶע, אַ קִינְסְטְלֶער, אַ פָּאֶעט אוּנ דֶערְצוּ נָאךְ אַ מֶענְשֶׁענְפְרַיינְד מִיט אַ-עֶסְטֶעטִישֶׁען גֶעפִיעל, מִיט אַ גַייסְט, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק—מִיט אַלֶע מַעלות טובות, מִיט וֶועלְכֶע גָאטְ דֶער הַאר טוּהְט בֶּענְטְשֶׁען נוּר גֶעקְלִיבֶּענֶע, גֶעצֶעהְלְטֶע פוּן זַיינֶע דִיעֶנֶער.

דָאס אִיז אַלֶעס גֶערֶעדְט גֶעוָוארֶען אוֹיף טוּרְגֶענְיֶעוֶוען, אָדֶער אוֹיף אַלֶע אַנְדֶערֶע ווירְקְלִיכֶע שְׁרִיפְּטְשְׁטֶעלְלֶער בַּא אַלֶע אַנְדֶערֶע פֶאלְקֶער אוּנ בַּא אוּנְז, יוּדֶען, אוֹיךְ, אָבֶּער נִיט **שׁ׳מ׳ר.** צוּ בַּאשְׁרַייבֶּען דָאס עֶהְרְלִיכְקֵייט, אָרְדֶענְטְלִיכְקֵייט פוּן דֶער יוּדֶעשֶׁער טָאכְטֶער, פוּן דֶער יוּדֶעשֶׁער פְרוֹי—דֶערוֹיף אִיז אַ מַייסְטֶער דֶער יוּדֶעשֶׁער פָּאֶעט גָארְדָאן. נֶעמְט דָאס „פִּינְטֶעלֶע יוּד״ (קוֹצוֹ שֶׁל יוּד) פוּן גָארְדָאן אוּנ זֶעהְט, ווי פְרוּם, עֶהְרְלִיךְ אוּנ אוּמְשוּלְדִיג דִי

שֶׁאנֶע בַּת-שֶׁבַע בַּת-הֶפֶר, וָואס הָאט נָאךְ קֵיין לִיבְּטִיגֶען גְרִיקְלִיבֶען טָאג נִישְׁט גֶעהַאט; דֶער מַאנְן הִלֵל הָאט זִי אַוֶועק גֶעוָוארְפֶען זוּכֶען פַּרְנָסָה אוּנ אִיז ווִי אִין וַואסֶער אַרַיין; נָאר אוֹיף אֵיין מִינוּט, אוֹיף אֵיין רֶגַע הָאט דִי לִיכְטִיגֶע זוּנְן אַ שַׁיין גֶעטוּהְן אוֹיף דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכֶער בַּת-שֶׁבַע אוּנ אִין אִיהְר הַארְצֶען הָאט זַאךְ אַ-פַּייעֶרֶעל אָנְגֶעצוּנְדֶען, אַ פַּייעֶרֶעל פוּן לִיעבֶּע צוּם אַלְמָן, הֶערְר פַּייוִויש, וָואס הָאט זִי דֶערְזֶעהֶען אִין קְלֵייטֶעל אוּנ הָאט זִי לִיעבּ גֶעקְרִיגֶען, נָאר אָהְן סְקַאנְדַאלֶען, אָהְן גֶענִיסֶען דִי פְּרִיכְטֶע פוּן דֶער לִיעבֶּע׳ ווִי בַּא **שׁ׳מ׳ר׳ן** .... אוּנ אֲפִילוּ דֶעמָאלְט, וֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶער גְלִיקְלִיכֶער פְּלַאן וֶוערְדְט צוּ שְׁלָאגֶען אִיבֶּער אַ קוֹצוֹ שֶׁל יוּד, אִיבֶּער אַ יוּד, וָואס הָאט גֶעפֶעהְלְט אִינ׳ם גֶט, אֲפִילוּ דֶעמָאלְט, וֶוען דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע בַּת-שֶׁבַע בְּלַייבְּט אַיין אֵייבִּיגֶע עֲגוּנָה, אַ קְרֶעמֶערְקֶע אִינ׳ם שְׁטֶאדְטֶעל אַנְלָון אוֹיף צָרוֹת, אוֹיף דַחֲקוֹת, אוֹיף אוּמְגְלִיק, אֲפִילוּ דֶעמָאלְט בְּלַייבְּט אִיבֶּער בַּת-שֶׁבַע אַ יוּדֶעשֶׁע טָאכְטֶער, אַיין עֶהְרְלִיכֶע, אוּמְשׁוּלְדִיגֶע יוּדֶעשֶׁע פְרוֹי בִּיזְ׳ן טוֹיְדט, בִּיזְ׳ן גְרוּבּ! נָאר דָאס קָאן פַארְשְׁטֶעהְן גָארְדָאן, נִיט **שׁ׳מ׳ר.**

צוּ זַיין אַ פָאלְקְסְשְׁרַייבֶּער דַארְף מֶען זַיין אַ טַאלַאנְטְפָאלְלֶער שְׁרַייבֶּער אוּנ אַ פַּאטְרִיאָט, אַ מֶענְשֶׁענְפְרַיינְד, מֶע דַארְף לִיעבּ הָאבֶען דָאס פָאלְק, אוּנ שְׁטְרָאפֶענְדִיג אוּנ לַאבֶענְדִיג, דַארְף מֶען דֶעם זַיין גֶעטְרַייה, אִיבֶּערְגֶעבֶּען אוּנ לִיעבּ הָאבֶען, אַזוֹי ווִי אַ בְּרַ א מָ א וּ וִ יטְ שׁ, וָואס לַאבֶענְדִיג אוּנ שְׁפֶּאטֶענְדִיג, זֶעהְט מֶען, ווִי עֶס טְרִיפְט זִיךְ אִיהְם דָאס בְּלוּט.

„אז איך שרייב איבער מיין אומגליקליך פאלק —שרייבט אַ ב ר א מ א - וו י ט ש אין אַ פּריוואט בריעף צו אַ-בעקאנטען —טריפט זיך מיר דאס בלוט ; איך לאך קלאמפערשט, נאר סע איז א ביטער געלעכטער מיט גרינע ווערעם, און שרייבענדיג מיט א ברען, ברען איך טאקע דער ווייל אַלליין און געה ביסלעכווייס אויס ווי א ליכט . . . ״

נאר אַזוי שרייבט אַ ב ר א מ א וו י ט ש, אָבער ניט שמ׳ר, וועלכער זוכט נור סקאנדאַלען מיט פּאַסקוודסטווע, איבער וועלכע, עס דאכט זיך איהם, אַז דער עולם פּאַטשט „בראַוואָ״! . און אויב ניט, האַרט אים ניט, וועט מען איהם ניט געבען קיין „שלישי״ אין קלייזעל . . .

דער אַנדערער גרויסער זשאַרגאָניסט ל י נ ע צ ק י, וועלכער מוטשעט זיך און מאַכט אָנשטעללען און צוברעכט זיין זעלטענעם סאַטירישען טאַלאַנט איבער בדחנישע שטיקלעך, וואס דער עולם האָט ליעב, פאַר׳ן שטיקעלע ברויט,-אָט דער ל י נ ע צ ק י, לאַכענדיג און ברעכענדיג זיך פאַר דער פּובליקום, ווי אַ פּאַיאַץ, ווי אַ פאַרשלעפּטע קריינק, געהט אָפּ מיט בלוט, בשעת ער רעדט, בשעת ער שרייבט, בשעת ער דיינקט פונ׳ם אָרעמען יודעשען פאָלק.—ניטאַ, מיינע העררען, קיין טרויעריגערע זאַך אויף דער וועלט, אַז מע דאַרף לאַכען בעת סע גלוסט זיך וויינען, און דראַפּען זיך אויף די גלייכע וואַנט, בעת אין האַרצען ברענט אַ פייער, בעת דער קאָפּ איז ווייס איך וואו, און הינטער די פּלייצעס שטעהט דער מלאך—המות . . . .

נאר דאָס שמועס׳ט מען וועגען ל י נ ע צ ק י ן, אָבער ניט פון שמ׳ר׳ן, וועלכער זאָגט אינ׳ם ראָמאַן „דער בעל תשובה״ און איז זאַך מודה, „אַז די קאָפּ איז איהם אַזוי שוואַך, אַז ער געדיינקט ניט

פוּן בַאנֶען אַהִין׳....

אִיךְ גְלוֹיבּ אִיהְם, אִיךְ גְלוֹיבּ אִיהְם; סֶע קָאן שְׁלַאף זַיין דֶער קָאפּ נוּר פוּן אַיין לֶעזֶען אַזֶעלכֶע, מִשְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט, 50 רָאמַאנֶען פוּן **שׁ׳מ׳ר**, וֶועלכֶע אִיךְ הָאבּ מִיט גְרוֹיס פַּחַד אִיבֶּערְגֶעלֵייֶענְט, אַזוֹי אַז אִיךְ זֶעה אַצוּנְד פַאר מַיינֶע אוֹיגֶען נָאר וָואוּוְקֶעלַאקֶעס, פִּיפֶּער-נָאטֶערֶען, בַּאנְדִיטֶען, עֶנְגְלֶען, אַלְטֶע מֵיידֶען מִיט פַּארְרִיסֶענֶע אוֹיגֶען צוּם הִימֶעל, מִיט סֶענְטִימֶענְטַאלְנֶע צוּקֶער זִיסֶע לִיעדְלַאךְ אוּנ מִיט **שׁ׳מ׳ר׳ס** „פִינְסְטֶערֶער פִהִילָאזָאפִּיֶע,״ אָדֶער „קְרַאנְצֶעפָאלֶיֶע״....

נָאךְ דֶעם שֶׁאנֶעם הֶעכְסְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶעם רָאמַאן „פַּלְטִיאֵל אָקְס״ גֶעהֶען מִיר אִיבֶּער צוּ נָאךְ אַ שֶׁאנֶערֶען רָאמַאן: **אַ שֶׁ א נֶ ע מַ עֲ שֶׂ ה נָ א ר אַ ק וּ רְ צֶ ע״** פֶערְפַאסְסְט פוּן **שׁ׳מ׳ר** (1887 יָאהְר).

„מים אפאר וואכען צוריק—זָאגְט **שׁ׳מ׳ר** אִין דֶער הַקְדָמָה—בין איך געוועזען אין ווארשוי, אונ בין איינגעשטאנען אין דעם האטעל ד א נ צ י ג, נאלעווקי № 18; ווייל איך קום אפט קיין ווארשוי, קאנען מיך שוין אללע משרתים ווי א בייזען שיללינגער, אונ איך קאן זיי...״

אַדַאנְק דֶעם דָאזִיגֶען צוּפַאלְל, וָואס **שׁ׳מ׳ר** קָאן זַאךְ מִיט אַללֶע וַוארְשֶׁעוֶוער מְשָׁרְתִים אוֹיף דֶער גַאס נַאלֶעוְוקִי № 18, הָאבֶּען מִיר אַצוּנְד דִי זְכִיָה צוּ לֶעזֶען „אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה נָאר אַ קוּרְצֶע״; אוּנ וֶוען **שׁ׳מ׳ר** וָואהְלְט, חָלִילָה, נִישְׁט זַיין בֶּעקַאנְט מִיט דִי וַוארְשֶׁעוֶוער מְשָׁרְתִים פוּן נַאלֶעוְוקִי № 18, וָואהְלְט דָאךְ אִיהְם יַא קוּ׳ב דֶער הוֹיפְּס-מְשָׁרֵת פוּנ׳ם הָאטֶעל „דַאנְצִיג״ נִישְׁט דֶערְצֶעהְלט דִי דָאזִיגֶע שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, **שׁ׳מ׳ר** וָואהְלְט זִי נִישְׁט אָפּ גֶעדְרוּקְט אוּנ מִיר וָואהְלְטֶען זִי נִישְׁט גֶעזֶעהֶען....

די מַעֲשֶׂה איז אָבֶּער טַאקֶע זֶעהְר אַ שֶׁאנֶע אוּנ אַ קוּרְצֶע, הַגַם זִי וָואהְלְט גֶעמֶעגְט זַיין נָאךְ אַ בִּיסֶעל קִירְצֶער; אִיר מֶעגְט זִי אוֹיסְהֶערֶען.

קוֹדֶם כָּל דֶערְצֶעהְלט אוּנְז יַאקוּב דֶער מְשָׁרֵת זֶעהְר אַ לוּסְטִיגֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּן אַ לָאדְזִיֶער פָּארְפָּאלְק, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין 52 №, אוּנ אַ קָאוְונֶער פָּארְפָּאלְק, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין 62 № ; דֶער קָאוְונֶער הָאט גֶעהַאט אַיין אַלְטֶע פְּרוֹי אוּנ דֶער לָאדְזִיֶער הָאט גֶעהַאט דַוְקָא אַ יוּנְגֶע פְּרוֹי; דֶער קָאוְונֶער אוֹרֵחַ, וֶועלְכֶער אִיז זִיךְ אַרוֹיס-גֶעגַאנְגֶען וֶועגֶען אַיין אַנְדֶער זַאךְ . . . הָאט עֶר פַארְבְּלָאנְזִיט צוּ דֶער יוּנְגֶער פְּרוֹי אִין 52 №, נוּ, פַארְשְׁטֶעהְט זִיךְ, . . . מֵילָא בְּקִיצוּר, פֶּעטְשׁ, גְוַואלְדֶען, טְרֶעהְרֶען . . . .

דָאס אִיז גְלַאט אַזוֹי אַ לוּסְטִיגֶע מַעֲשֶׂה, אַ סַאטִירִישׁ בִּילְד; דֶער רֶעכְטֶער צִימֶעס אִיז וַוייטֶער.

אָט דֶער פַיינֶער יוּנְג יַאקוּב דֶער מְשָׁרֵת אִיז אַריינְגֶע-פָאהְרֶען בַּאנַאכְט אִין אַ שְׁטֶעדְטִיל מֶעזִירִיטְשׁ אוּנ הָאט זַאךְ בְּשׁוּם אוֹפֶ׳ן נִישְׁט גֶעקָאנְט דֶערְשְׁלָאגֶען צוּ קֵיין יִשׁוּב אוּנ אִיז פוּן צָרוֹת פַאלְלֶען גֶעבְּלִיבֶּען אוּנ הָאט אַ גֶעשְׁרַיי גֶעגֶעבֶּען: ״רַאטֶעוֶועט״! פְּלוּצְלִים . . . פְּלוּצְלִים אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען אַ יוּד . . . נָאר אִיר מֵיינְט גְלַאט אַזוֹי אַ יוּד פוּן אַ גַאנְץ יָאהְר? נֵיין; אַ יוּד מִיט אַ לַאנְטֶערְנֶע! אָט דֶער יוּד מִיט דֶער לַאנְטֶערְנֶע הָאט אִיהְם גֶערֶעטֶעט, פָּשׁוּט בַּאם לֶעבֶּען דֶערְהַאלְטֶען! נָאר יַאקוּב דֶעם מְשָׁרֵת אִיז נֶעבַּאךְ בַּאשֶׁערְט גֶעוֶוען צָרוֹת, דֶען דֶער אַלְטֶער מַאנְן, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען יִצְחָק דְרֵייקָאפ, מִיט דֶער פְרוֹי הָאבֶּען אִיהְם פְּלוּצְלִים דֶערְקָאנְט, אַז דָאס

איז זייער איידעם יענקיל, וועלכער האט שוין לאנג אוועק געווארפען זייער טאכטער שיינע פייגלען....

אהין אהער, מע האט יאקוב דעם משרת שוין נישט ארויס- געלאזט צו זיין ווייב און קינדער, ניין! מע האט איהם געהיט די טריט; מע האט איהם אפ געגעבען א בעזונדערען חדר מיט זיין אנגעווארפען ווייב שיינע פייגעלע, און די נייע שוויגער זיינע האט איהם פשוט געגאסען גאלד אין האלז אריין (בוכשטעבליך) און האט געוואהלט, אז דער געפונענער איידעם זאל לעבען „גוט" מיט איהר טאכטער . . . און ער, יאקוב דער משרת האט דא געמוזט בלייבען, און נאך אהן א פאספארט דאצו, ביז דער אמת'ער יענקיל האט זאך אפ געזוכט, איז ערשט דעמאלט יאקוב דער משרה געפאהרען אהיים צו זיין פלונית'טע צו זיינע ליבע אורחים פונ'ם האטעל דאנציג № 18, אין וועלכען שמ"ר האלט קוואטיר שטענדיג, ווען ער קומט קיין ווארשוי....

נאר איר מיינט אוודאי, אז דאס איז דער עיקר אינהאלט פונ'ם ראמאן? איר האט א טעות. ווען דאמיט זאל זאך ענדיגען די גאנצע געשיכטע, וואהלט געוועען גוט; דיא דאזיגע גאנצע מעשה מיט'ן טעות דיענט שמ"ר'ן נאר פאר א קאנווא, פאר א פרעליודיע, פאר א פארשפיעל; די רעכטע התונה הויבט זיך ערשט אן.

אזוי ווי יאקוב דער משרת איז געבליבען אליין מיט שיינע פייגעלען אין א חדר און האט אנגעהויבען מיט איהר צו פהילא- זאפיערען וועגען זיין יעצטיגער ביטערער לאגע (נעבאך!), דרום האט שיינע-פייגעלע געהאט זעהר א גוטען צופאלל אביסעל אויס-

צוּרֶעדֶען אִיהְר בִּיטֶער הַארְץ אוּנ דֶערְצֶעהְלֶען יַאקוּב דֶעם מְשָׁרֵת אִיהְר שֶׁאנֶע, הֶעכְּסְטאִינְטֶערְעַסאנְטְנֶע בִּיאָגְרַאפֶיע.

שֵׁ יי נֶ ע פֶ יי גֶ ע לֶ ע, פַארְשְׁטֶעהְט אִיר מִיךְ, הָאט לִיעב גֶעהַאט אַ בּוּכְהַאלְטֶער דָ וִ ד פְּרִידְוַאלְד, אַ וֶועלְטֶענֶעם פַּארְשׁוֹין דַייטְשׁ גֶעקְלֵיידֶעט; מִיט דֶעם דָאזִיגֶען דָוִ דְ'ן הָאט זִי לַאנְג גֶערָאמַאנְסִירְט, גֶעשְׁרִיבֶּען הֵייסֶע בְּרִיעף, גֶעזוּנְגֶען זִיסֶע לִיעדֶער, אַזוֹי לַאנְג בִּיז דִי לִיעבֶּענְדֶע הָאבֶּען זִיךְ בֶּעשְׁלָאסְסֶען צוּ מַאכֶען אַ רַאנְדֶעוואוּ, ד. ה. אַיין אָרְט אוֹיף צוּ זֶעהֶען זִיךְ פָּנִים אֶל פָּנִים; דָאס אָרְט אִיז גֶעוֶועזֶען אִין טְרָ א חִ י מְ'ס גָארְטֶען .... אוּנ אַזוֹי הָאבֶּען זַאךְ דִי לִיעבֶּענְדֶע גֶעזֶעהֶען אַלְלֶע טָאג אִין טְרָ א חִ י מְ'ס גָארְטֶען .... בִּיז אִיהְרֶע עַלְטֶערְען זֶענֶען גֶעוָואהְר גֶעוָוארֶען .... דִי עֶלְטֶערֶען הָאבֶּען אִיהְר גֶעוָואלְלְט חֲתוּנָה מַאכֶען פַאר אַ צַדִיקְ'ס אַיין אֵייניקֶעל, וָואס סֶע רוּהְט אוֹיף אִיהְם דִי שְׁכִינָה אוּנ וָואס אִיז גֶעקְלֵיידֶעט נָאכְ'ן לֶעצְטֶען רַבָּנִישֶׁען זְשׁוּרְנַאל (בּוּכְשְׁטֶאבְּלִיךְ); נָאר שֵׁייְנֶע פֶ ייגֶעלֶע הָאט גֶעזָאגְט, אֵיין מָאהְל פַאר אַלְלֶע מָאהְל, דֶער טוֹידְט זָאל אִיר זַיין אוּנ זִי וֶועט חֲתוּנָה הָאבֶּען נוּר פַאר דָ וִ ד דֶעם בּוּכְהַאלְטֶער!

אַזוֹי הָאט גֶעקְלֶעהְרְט שֵׁ יי נֶ ע פֶ יי גֶ ע לֶ ע; אָבֶּער דָ וִ ד דֶער בּוּכְהַאלְטֶער הָאט אַנְדֶערְ'שׁ גֶעמֵיינְט. דֶער דָאזִיגֶער פוֹיגֶעל הָאט גֶערָאמַאנְסִירְט מִיט 2 קְרַאסַאוִועצֶעס, מִיט: שֵׁ יי נֶ ע פֶ יי גֶ ע לֶ ע'ן אוּנ מִיט חַ נֶ ה'לֶ ע ן, אוּנ סֶע אִיז אַ סְבָרָה, אַז מִיט טְרָ א חִ י מְ'ס טָאכְטֶער אוֹיךְ ... עֶר הָאט זֵיי בֵּיידֶע גֶעשְׁרִיבֶּען דִי זֶעלְבֶּע לִיעדְלַאךְ עֶר הָאט זֵיי בֵּיידֶע גֶעפִיהְרְט בַּא דֶער גַאז אוּנ עֶר הָאט פוּן זֵיי בֵּיידֶע גֶעטוּהְן גֶענִיסֶען פוּן דִי פְּרִיכְטֶע פוּן דֶער לִ י ע בֶּ ע ....

וָואס זְשֶׁע הָאבֶּען זֵיי אִיהְם אָפְּגֶעטוּהְן? הָאבֶּען זֵיי בֵּיידֶע גֶעמַאכְט אַ זַאגַאוָואר, מֶע הָאט זַאךְ אָנְגֶערֶעדְט אִיהְם אָפְּטוּהְן אַזַא שְׁפִּיצֶעל: שֵׁיינֶע פֵייגֶעלֶע הָאט אִיהְם צוּ גֶעזָאגְט, אַז קוים טוּהְט עֶר־זַאךְ אִיבֶּער, וִוי אַ פְּרוֹיהֶענְצִימֶער, אַזוֹי פָאהְרְט זִי מִיט אִיהְם אַוֶועק אִינְ׳ם דָארְף „פְּלַארוּנְצִיק״ אוּנ דָארְט וֶועלֶען זֵיי שׁוֹין טוּהְן גֶענִיסֶען פוּן דִי פְּרִיכְטֶע פוּן זֵייעֶר לִיעבֶּע. . . .

דֶער פְּלַאן אִיז אָפְּגֶעדָאטְהֶען אַזוֹי, אַז מֶע דַארְף גָאהְר נִיט בֶּעסֶער; דָוִד׳ל הָאט זַאךְ אָנְגֶעטוּהְן וִוי אַ פְּרִיצְטֶע לְהַבְדִיל אוּנ אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען צוּם קְלֵייסְטֶער וַוארְטֶען אוֹיף דֶער גֶעלִיעבְּטֶער שֵׁיינֶע פֵייגֶעלֶען; אָט דָא הָאבֶּען אִיהְם דִי 2 אָפְּגֶענַארְטֶע פֶערְלִיעבְּטֶע מַאמְזֶעלֶען בַּאדֶעקְט. זֵיי הָאבֶּען דֶערְצֶעהְלְט דִי גוֹיִם פוּנְ׳ם שְׁטֶאדְטֶעל, אַז הִינְטֶערֶען קְלֵייסְטֶער דְרֶעהְט זִיךְ אַרוּם עֶפֶּעס אַ פֶערְד גַנָב, אִיבֶּערְגֶעטוּהְן אוֹיף אַ פְרוֹיעֶנְצִימֶער; דִי גוֹיִם הָאבֶּען אִיהְם גֶעהַאפְּט אוּנ מֶע הָאט אִיהְם אַיינְגֶעזֶעצְט אִין אַסְטְרָאג.

נָאר דָוִד׳ל אִיז פוּן אָסְטְרָאג אַרוֹיס; עֶר אִיז פוּנְ׳ם שְׁטֶאדְטִיל אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען בְּשָׁלוֹם אוּנ הָאט אִין אַפֶּערְלוֹף פוּן 6 יָאהְר גֶעהַיירַאטְהֶעט 3 מָאהְל (אַלְלֶע 2 יָאהְר טוּהְט עֶר הֵיירַאטֶען), דֶען דָוִד דֶער בּוּכְהַאלְטֶער אִיז אֵיינֶער פוּן **שׁ׳מ׳ר׳ס** בַּאנְדִיטֶען, וָואס מַאכֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ מֶענְשֶׁען, אַזוֹי וִוי אַלְלֶע הֶעלְדֶען פוּן **שׁ׳מ״ר.**

אוּנ שֵׁיינֶע פֵייגֶעלֶע הָאט טַאקֶע פָארְט חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר׳ן רֶבִּינְ׳ס אֵיינִיקֶעל, יַענְקֶעלֶע דֶעם תַּכְשִׁיט, וֶועלְכֶער הָאט זִי אַוֶועק גֶעוָוארְפֶען, וִוי מִיר וֵוייסֶען שׁוֹין. . . .

אָט אַזוֹי שְׁוֶועהְר קוּמְט אוּנְז אָן, בִּיז מִיר לֶעזֶען אִיבֶּער

שמ'ר'ס א ראמאן! דאכט זיך, וואס וואהלט איהם געהארט, אז ער זאל אונז גלייך דערצעהלען א ראמאן פון דודל'ען דעם שייגאץ, דעם הולטיי מיט שיינע פייגעלען, מיט חוה'לען און מיט טראחימ'ס טאכטער די עבלית, און מיט נאך פילע אומגליקליכע ווייבער, וועלכע ער שטיקט אויס, ווי א טהאר שטיקט היהנער? ניין; פיהרט ער אונז וואלד איין וואלד אויס, דורך בארג און דורך טאהלען, און דערצעהלט אונז פריהער א מעשה מיט'ן קאוונער אורח פון 62 №, וואס האט פארבלאנזיט צו דער לאדזיער יונגער אורח'טע אין 52 №. . . . און נאכדעם, ווי אזוי יא קוב דער משרת געבאך, פאלט אריין אין דער "היהנער פלעט" אריין און מע גיסט איהם פשוט גאלד אין האלז אריין" און מע ווארפט איהם אן א-פרעמד ווייבעל, אפילו נישט קיין מיאוסע, דאך איז זיא נישט מעהר, ווי איין אשת—איש . . . . צו ליעב וואס? צו ליעב דעם, אז שיינע פייגעלע זאל האבען פארוועמען צו דערצעהלען איהר העכסט אינטערעסאנטע ביאגראפיע, וואס איז באמת א מוסר אראפ צו צו נעמען זאך . . .

איך מיין, אז די דאזיגע שאנע מעשה, ווי אללע העכסט אינטערעסאנטע ראמאנען פון **שמ'ר**, וואהלטען געמעגט זיין אביסעל קירצער, אויף דעם ארט:

אמאהל איז געוועזן א הוהן מיט א תאהן—

די מעשה הויבט זאך אן;

אמאהל איז געוועזן אקוה מיט אקאלב—

דִי מַעֲשֶׂה אִיז שׁוֹין הַאלְבּ!
אַמָאהְל אִיז גֶעוֶוען אַ קַאטְץ מִיט אַ מויז—
דִי מַעֲשֶׂה לָאזְט זַאךְ אויס....

דִי מַעֲשֶׂה לָאזְט זַאךְ אויס, הויבְּט זַאךְ אָן אַיין אַנְדֶערֶע, אַ שְׁפָּאגֶעל נַייֶע,— נָאר אַיין אַלְטֶע, אַיין אִיבֶּערְגֶענִיצֶעוֶועטֶע אויף דֶער לִינְקֶער זַייט, אויפְגֶענֵייט, צוּנויפְגֶעסְטְרִיגֶעוֶועט אויף דֶער גִיכֶער הַאנְט, צוּנויפְגֶעטָאטְשֶׁעט, וִוי אַזוֹי סֶע נִיט אִיז, פוּן שְׁטִיקְלֶעךְ אוּנ פְּיצְלַאךְ— אַבִּי סֶע זָאל אויסְקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער בּוּךְ, אַ רָאמַאן אִין צְוֵויי טְהֵייל מִיט אַיין עֶפִּילָאג.

דֶערוֹיף הָאט זֶעהְר גְלַייךְ גֶעזָאגְט אַ גֶעוִויסֶער הֶעבְּרֶעיֶעשֶׁער קְרִיטִיקֶער הֶערְר דָוִד פְּרִישְׁמַאנְן, אִינ'ם יוּדֶעשֶׁען צַייטוּנְג „הַיוֹם", אַז בַּא שׁ'מ'ר'ן זֶענֶען דִי גֶעשִׁיכְטֶעס אִין דִי רָאמַאנֶען נִישְׁט גֶעבּוּנְדֶען, נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אֵיינְס אִינ'ם אַנְדֶערֶען; נֵיין: זֵיי זֶענֶען נָאר אָנְגֶענִיזְשֶׁעט, וִוי מֶע נִיזְשֶׁעט אָן קַארֶעלְלֶען אויף אַ פָּאדֶעם, אָדֶער שְׁטִיקְלֶעךְ עֶפֶּעל אויף אַ שְׁטְרִיקֶעל, אַזוֹי אַז אֵיינְס מִיט'ן אַנְדֶערֶען אִיז קַיין שׁוּם מְחוּתָּן נִישְׁט ... נָאר וָואס הֶערְט אוּנְזֶער רָאמַאנְמַאכֶער, וָואס פְּרִישְׁמַאנְן, קְרִיטִיקוּס אָדֶער עֶמִיצֶער אַנְדֶערְשׁ וֶועט אִיהְם זָאגֶען? שׁ'מ'ר זָאגְט, אַז סֶע אִיז נוּר פוּן קִנְאָה פוּן שִׂנְאָה, אוּנ פַאלְלְט בַּא זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ!

אִיךְ הָאבּ שִׁיעוּר — שִׁיעוּר נִישְׁט פַארְגֶעסֶען צוּ זָאגֶען, אַז אִינ'ם רָאמַאן „אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה נוּר אַקוּרְצֶע" אִיז אוֹיךְ דָא אַ שֶׁאנֶע זִיסֶע לִיעד, אַ צוּקֶער זִיסֶע לִיעד, וָואס דִי 2 הֶעלְדִינֶען זִינְגֶען מִיט פַארְרִיסֶענֶע אוֹיגֶען צוּם הִימֶעל: (דָאס לִיעדֶעל הָאט גֶעמַאכְט דָוִד'ל)

„קיינער ווייס, ווי מיר איז שלעכט,
ווי מיין ברוסט האט לוסט צו דיר,
פליה געשווינד, מיין ענגעל שיינער,
קאם שנעלל, א! ערקוויקע מיך! . . . א. ז. וו. . .״

אהער פאסט גאהר דאס דאזיגע ליעד פון גאלדפאדען:

„איך בין מיר־יאקוב דער משרת,
לעבען אהן בראנפען טויג אויף כפרות,
איך קאן חומש אונ ביבליע אויך:
המן הצדיק האט געהאט א מוח,
אונ קרח איז געווען א גרויסער שיכור,
אונ לוט איז דער פאר אריין אין דער ערד,
וואס משקה האט בא איהם נישט געהאט קיין ווערטה.
פרעה האט געמאכט א סעודה פאר המנ׳ן אליין,
אונ אברהם אבינו איז אויך דערבאי געוועזן,
אונ יתרו איז געשטאנען פון יענער זייט מיר,
אונ אסתר׳ן האט מען אויפגעהאנגען, אוי וועה
איז מיר! . . . . . .״

אט אזעלכע ליעדער, איינענטליך, וואהלטען כאדארפט שרייבען אזעלכע העלדען, ווי ד נ ד׳ל אונ אללע משרתים, מיט וועלכע **ש״מר** איז אזוי אויסגעבונדען, נים אזעלכע פאעטישע, הויכע, סאנטימענטאלע אונ פהילאזאפישע ליעדער, ווי מיר געפינען במעט אין יעדען

ראמאן פון **ש׳מ׳ר.**

יא, **ש׳מ׳ר** „קאן חומש אונ ביבליע אויך״... דאס זעהען מיר פון די פסוקים, וואס ער ברייננט גאנץ אפט פון קהלת אונ פון די העברעיִשע ליעדער, מיט וועלכע סע הויבט זאך בא איהם אן יעדער ראמאן.......

דער שרייבער, הערען פריסיאזשנע זאסיעדאטעליס, דער פאלקסשרייבער, דער קינסטלער, דער פאעט, דערווירקליכער פאעט איז פאר זיין צייט, פאר זיין עפאכע, אין זיינע יאהרען, א שפיעגעל, אין וועלכען סע טוהען זאך אבבילדען, אפשיינען די שטראהלען פונ׳ם לעבען, ווי אין א ריינעם קוואל וואסער — די שטראהלען פון דער ליכטיגער זונן; דרום ווערדט די אידעיע געבאהרען פריהער בא׳ם טאלאנטפאללען שרייבער, בא׳ם פיהרער פון דער מענשליכער געמיינדע; דרום, אז סע טרעפט איין אומגליק, א גאטט׳ס שטראף, א צרה שלא תבא, דערפיהלט עס פריהער פון אללע דער עדעלסטער געפיהל פונ׳ם פאעט, פונ׳ם פאלקסזארגער; דרום אז סע קומט א ישועה, א בשורה טובה, א שמחה — זאגט עס פריהער ארויס דער משורר, דער גייסט־פאללער ליטעראטאר, וואס גאטט האט איהם געבענטשט מיט א־רייכען גייסט, מיט א הויכען פערשטאנד, מיט איין עדעלען געפיהל, מיט א ווייך — ווארעם הארץ; דרום עקסעסטירט צווישען דאס פאלק אונ צווישען דעם שרייבער א שטארקער, איין עוויגער בונד; דרום איז דער דאזיגער שרייבער בא יעדען פאלק א גאטטס דינער, א כהן, א־נביא, א מליץ יושר, דרום האט ליעב יעדעס פאלק דעם דאזיגען גאטטס דיענער, דעם כהן, דעם נביא, דעם מליץ יושר, וועלכער

טְרֵייסְט אִיהְם אִין זַיין קוּמֶער, פְרֵייהְט זַאךְ מִיט זַיין פְרֵייד אוּנ פִיהְרְט אִיהְם דוּרְךְ אַלְלֶע זַיינֶע אִידֶעֶען, גֶעדַאנְקֶען, מַחֲשָׁבוֹת, הָאפְנוּנְגֶען א. ז. וו.; דְרוּם, זָאג אִיךְ, אַז סֶעקָאן נִישְׁט אִיבֶּער גֶעהְן אֵיין לֶעבֶּענְסְבֶּעוֶועגוּנְג, אֵיין שִׂמְחָה אָדֶער אֵיין אוּמְגְלִיק בַּאם פָאלְק, וָואס דֶעם שְׁרַייבֶּער זָאל עֶס נִישְׁט אָנְרִיהְרֶען, אוּנ טַאקֶע גוּט אָנְרִיהְרֶען, בִּיזְ'ן בֵּיין אַרַיין.

אִין דִי לֶעצְטֶע עֶטְלִיכֶע יָאהְר הָאבֶּע דִי יוּדֶען אִיבֶּער גֶעלֶעבְּט זֶעהְר אַ בִּיטֶער שְׁטִיקֶעל צַייט: פוּלְל נַייס, פוּלְל פֶערְפֶעלְדְרוּנְגֶען, פוּלְל צָרוֹת, פוּלְל שְׁלֶעק, — מִיט אֵיינֶעם וָוארְט אַ בִּיטֶער שְׁטִיקֶעל צַייט, אַזַא שְׁטִיקֶעל צַייט, וָואס אוֹיפְ'ן שְׁרַייבֶּער הָאט זַאךְ עֶס גֶעמוּזְט אָנְרוּפֶען נָאךְ פְרִיהֶער ווִי אוֹיף אַיין אַנְדֶערֶען, אוּנ סֶע הָאט זַאךְ טַאקֶע אָנְגֶערוּפֶען, זֶעהְר שְׁטַארְק אָנְגֶערוּפֶען. נֶעמְט עֶפֶּענְט אוֹיף אַ יוּדֶעשׁ בִּיכֶעל, אַ יוּדֶעשׁ בְּלַאט צַייטוּנְג, הֵן אִין הֶעבְּרֶעִישׁ, הֵן אִין זְשַארְגָאן, הֵן אִין רוּסִישׁ — וֶועט אִיר גֶעפִינֶען אַ סְלֶייעד, אַ צֵייכֶען פוּן דֶער צַייט, וֶועט אִיר זֶעהֶען, אַז דֶער עוֹלָם הָאט נִישְׁט גֶעדְרִימֶעלְט: מֶע הָאט גֶערֶעדְט, גֶעשְׁמוּעֶסְ'ט, גֶעטוּהְן, גֶעמַאכְט אֲסִיפוֹת, גֶעקְלִיבֶּען גֶעלְט, גֶעבּוֹיעט קָאלָאנְיֶעס אִין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, גֶעעֶמִיגְרִירְט קִיין אַמֶעריקָא, גֶעמִימֶעלְט מַכַּה שְׁפַּאנְיֶען, הַכְּלָל מֶע הָאט גֶעטוּהְן! צוּ מֶע הָאט דַאמִיט עֶפֶּעס אוֹיפְגֶעטוּהְן, צוּ נַיין — דָאס אִיז אַ בֶּעזוּנְדֶערֶע זַאךְ; נָאר גֶעטוּהְן הָאט מֶען, אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט אָט דָאס בִּיסֶעלֶע מֶענְשְׁלַאךְ, וָואס הַאלְט אַ-פֶּעדֶער אִין הַאנְט, וָואס קוּקְט אַרַיין אִין דִי קְלֵיינֶע אוֹתִיוֹת'לֶעךְ, אָט דִי דָאזִיגֶע מֶענְשְׁלֶעךְ, וָואס הָאבֶּען נָאךְ אִין זִינֶען צוּ דַאנְקְ'ן פַארְ'ן כְּלַל, וָואס אִינְטֶערֶעסִירֶען זִיךְ נָאךְ מִיט דֶער לַאגֶע פוּן דִי אִיבֶּעריגֶע אָרֶעמֶע בְּרִידֶער.

שמ׳ר איז א קאליקע, א שלעכטער שרייבער, אבער א-שרייבער איז ער דאך: ער האלט אויך א פען אין דער האנט; ער פארניצט אויך אויס א שלל מיט טינט; ער פיהרט אויך איבער אסך פאפיער; — שוין זשע האט אויף איהם די לעצטע צייט קיין שום איינדריק נישט געמאכט? שוין זשע ווירקט אויף איהם קיין שום יודעשע זאך נישט, אויסער וואוקעלאקעס, פיפערנאטערען, אויסגעדאווענע סיצילייעס מיט „דימאנטענע בורלליאנטען״, מיט ליזעטעס, מיט שקאנטיסטען, מיט באנדיטען? ניין! אינ׳ם לעצטען ראמאן, אינ׳ם לעצטען פון אללע לעצטע (אויב ער וועט שוין מעהר קיין ראמאנען נישט שרייבען), האב איך מיט פילל פערגניגען באגעגענט די ווארטער: „פאלעסטינע״, „פאטריאטיזמוס״, „יודענפראגע״, „קאלאניסט״, — אונ האב דעם ראמאן פשוט איינגעשלונגען מיט די ביינער. — נאר ער איז מיר אויסגעפאללען באקאם, דען ער האט מיר פארטשאדעט דעם קאפ, קאליע געמאכט דעם מאגען, אנגעזאלעט אויפ׳ן הארצען אונ צו גענומען דעם אפעטיט. . .

דער דאזיגער שאנער פאטריאטישער ראמאן הייסט מיט זיין ליבען נאמען: „די גאלדענע קעלבער״ אונ איז בודטא א קיעווער ראמאן, דאס הייסט א מין שפיגעל פאר דער היליגער שטאדט קיעוו, מיט וועלכען דער ראמאן קעהר זיך אזוי אן, אזוי ווי אללע ראמאנען פון שמ׳ר קעהרען זיך מיט׳ן יודעשען לעבען, אונ ווען אינ׳ם ראמאן זאל ניט זיין דערמאנט דער „פאדאל״ מיט׳ן האטעל „בעלוויו״, וואהלט ער געמעגט פארקומען אין קריסילעווקע, אין שעפעטיווקע, אין לאהישין, אין

ירושלים, אין פילאדעלפיע, און אפילו אויף יענער זייט סמבטיון, אינטער די הרי חושך, בא די רויטע יודעליך; אזוי נאטירליך זענען די בילדער, אזוי אמת זענען די טיפען, אזוי גוט איז דער גאנצער ראמאן מיט „די גאלדענע קעלבער“ פון שמ״ר!

נאר לאמיר בעסער געהן צום ראמאן גופא.

אין׳ם דאזיגען לעצטען ראמאן האט שמ״ר געמאכט א-גרויסען פארשריט, א שאנעם אוספיעך: איין עק, אוים באנדיטען; אנשטאדט באנדיט איז א טיראן. דער גרעסטער פון אללע טיראנען אין די „גאלדענע קעלבער“ איז דער שפעקולאנט יונה פיינ-שטיין. פון א קלויזניק, א גארנישט, א סמארק, איז יונה פיינשטיין, אזוי ווי אללע העלדען בא שמ״רן, געווארען א גרויסער גביר, איין אדיר; דער ערשטער ווייב האט ער, געוויינליך, געמאכט, די טשעכאטקע, און האט נאכהער „געראמאנסירט“ מיט פופציג מיידלאך (א שאנער ימח שמוניק!) און האט געליעבט אללע קיעווער מיידלאך, נאר שטארקער פון אללע האט ער געווארפען איין אויג אויף דער שאנער העלענע, אברהם ריספעלד׳ס א טאכטער. איר ווילט אפשר וויסען, פאר וואס האט ער עפעס געליעבט העלענען מעהר פאר אללע קיעווער מיידלאך? הערט זשע, ווי אזוי שמ״ר גיט אונז צו פארשטעהן מיט זיין קראנצעפאליע (ערשטער טהייל, זייטע 18)

„מיר זעהען — זאגט שמ״ר — צום ביישפיל מיט צאהלט מאססען געלט פאר א בורליאנם, ווען מען זאל יעמאנדען פרעגען, פאר וואס געפעלט דיר אזוי דער בורליאנט, אז ער האט א שיינעם גלאנץ איז וואס? פאר וואס קומט 1000 רובעל? — וייל

א בורליאנט געפעלט אללעמען ! . . . . איינער טוהט א שידוך נישט ווייל די כלה געפעלט איהם, נור דער פאר ווייל זי געפעלט לייטען, אדער פאר קעהרט, איינער ווארפט איין אום חן אויף א פערזאהן, דער פאר, וואס די פערזאהן האט ניט אויסגענומען בא לייטען — מיט איינעם ווארט מיר זעהען אינ'ם פראקטישען לעבען טוי זינדער ביישפיעלע, וואס צייגען אונז א. ז. וו. . . ״

סע איז א משל לעמעשקע! פאר וואס געפעלט א בורליאנט? ווייל ער איז געפעלען אללעמען; פאר וואס האט יונה ליעב העללענען? ווייל זיא איז געפעללען זיסבלומען דעם יוריסט. אונ ווען, חלילה וחס, אויפ'ן צעהנטען פאלל, אז העללע גע וואהלט ניט געפעלען זיסבלומען דעם יוריסט, וואהלט דאך יונה ניט ליעב געהאט העללענען; העללענע וואהלט זיך חתונה געהאט, יונה וואהלט זיך געטוהן, וואס ער פארשטעהט, זיסבלום וואהלט זיך געווען א יוריסט, אונ שמ'ר וואהלט געבליבען, חס ושלום, אהן א ראמאן . . . .

ווער איז די העללענע? העללענע איז א בילד שאן מעדכען, ווי א רויז אין מאי מאנאט, מיט .... פונקט ווי ליזעטע, אליזעבעטע, זינאידע אונ אללע אנדערע שאנע מאמזעלען פון שמ'ר'ס ראמאנען. „זי וואר הויכגעבילדעט אונ קלוג — זאגט שמ'ר — נאר זי האט ניט ליעב געהאט קיין יודען, זי האט בעשטענדיגט געלעזען די אנטיסימיטיסע צייטונגען, דעם קיעוולאנין מיט'ן נאוואיע ורעמיא״; נאר פלוצלים (אלם פלוצלים!) איז אין העללענען פאר געקומען א פערענדערונג: פון איין אנטיסימיטקע, וואס האט זאך געוואללט זאגאר טויפען, איז זי געווארען א הייסע יודעשע פאטריאטקע, א דאנק דעם יוריסט הערר זיס-

בלום, וועלכער האט איר געעפענט די אויגען, אז דער „קיעווליאנין"
איז א גרויסער ליגנער (ימח שמו וזכרו, ער ווערען!) און צו זאמען מיט'ן
פאטריאטיז'ם האט זאך אין איהר צו ברענט די הייליגע ליעבע צום
עהרליכען יודיסט זיסבלום, אזוי צוברענט, אז אין גיכען איז זי
שוין געזעסען איבער'ן פארטאפיאנא און האט שוין געזונגען א זיס
ליעדעלע . . . נאר דער דאזיגער העלד זיסבלום איז געוועזן אזוי גוט און
ארדענטליך, אז ער האט זיך דער ווייל ניט ערלויבט, ווי אנדערע
שמ'ר'ס העלדען, צוגעניסען די פריכטע פון דער ליעבע,
הגם ער איז געוועזן א רעאליסט, ניט קיין אידעאליסט, ווי ער
אליין זאגט אויף זיך אויפ'ן 80-טען בלאטעל:

„איך בין קיין מאהל קיין אידעאליסט נישט געוועזען, איך בין פון שטענדיג אן
ארעאליסט. . ."

נאר כדי איר זאלט וויסען זיין, וואס פאר א מין רעאליסט דער
דאזיגער זיסבלום איז, מוז איך אייך פארלעזען א גאנצע סצענע פון די
„גאלדענע קעלבער".

„יונה פינגשטיין האט אנגעקלאפט אין № 6, האטעל בעלוויאו, אין קיעוו.

— אך! הערר פינגשטיין — האט זיסבלום פריינדליך א געשריי געטוהן . . . . איך
בין געקימען זעהען אייער קווארטיר און ערפאהרען וואס איר מאכט.

— איך האב זעהר א וואייל צימער און בין אדאנק גאטט, געזונד.

— האט איר שוין באזעהען אונזער קיעוו?

— יא, קיעוו איז זעהר א פיינע שטאדט, נור צו ווארשוי קומט זי ניט.

— האט איהר שוין געמאכט וויזיטען?

— יא, איך בין שוין געוועזן באם הערר ריספעלד.

— אזוי? האט איר שוין געזעהען אייער צוקינפטיגע ברויט (כלה)?

-—איך האב געהאט דאס פערגניגען מיט איר צו רעדען .

—נו, וואס פאר א מיינונג האט איר וועגען איהר?

—זי איז איינע זעלטענע שוינהייט. אונ דאביי פערנונפטיג, מע קאן פון איר מאכען א לייט .

—ווייזט אויס, אז מע קאן אייך שוין געבען „מזל טוב"?

—פון מיין זייט יא; איך וויים אבער נים צו פון יענעם צד וועט מען וועללען .

—א! האט נישט קיין זארג! — האט יונה געזאגט — זי וועט זיך גליקליך שעצען, ווען זי וועט אייך נעמען, דען זי איז שוין אביסעל איין אפגעשלאגענע . . .

—וואס הייסט?

-—איר זאלט וויסען אז . . . . היינט געפעהלט איהר דער אונ מארגען יענער; זי פערשפרעכט איהם, אז זי וועט נור זיין זיין ווייב—אונ ווערדט טאקע באלד זיין ווייב . . . איר פארשטעהט? אונ מארגען קריגט זי איין אנדערען אונ פערליעבט זיך אין איהם אונ ווערדט אויך זיין ווייב א . ז . וו . . . . . .

-—וואס רעדט איר?

—דאס וואס איר הערט!

—דאס איז נידערטרעכטיג! האט זיסבלום א געשריי אונ אשפיי געטוהן— איר האט געטוהן, ווי א מענשענפריינד! איך בין אייך דאנקבאר! איר האט מיך געראטעט! א . ז . וו . . . .

זיסבלום איז געבליבען זיצען פארזונקען אין זיינע געדאנקען.

פלוצלים . . . א קלאפ אין טיר!

אין צימער איז אריין געקומען ריספעלד׳ס משרת אונ האט איהם געבראכט א קארטע .

—איר וועט מיר פערצייהען, מיין הערר; וואס איך וועל איך עטוואס פרעגען?

—פרעגט .

—דער הערר פייגשטיין איז דא געוועזען בא אייך?

—יא, ער איז געוועזען בא מיר .

-—ער האט געמוזט אנריידען ווער וויים וואס אויף דער פריילין העללענע, ווייל זי

האט איהם פריהער מיט איניגע מינוטען פון שטוב ארויס געטריבען.

—פאר וואס האט זי איהם ארויס געטריבען? האט זיסבלום איבעראשט געפרעגט.

—דער פאר, וואס ער איז אפאלשער נידריגער מענש... ער האט איך געוויס אנגערעדט אויף פריילין העללענע... זיא האט איהם ארויס געטריבען... איך קאן אייך שווערען, אז אזא גאלדענע פריילין, ווי זי איז, איז גאר ניטא; איך זאג אייך, זיא איז א קינד מיט אללע מעלות.

—איך הער דאס ערשטע מאהל, אז א משרת זאל רעדען גוטס וועגען זיין ווירטהע.

—נים אללע משרתים זענען גלייך; אזוי ווי צווישען אללע מענשען געפינען זאך ערענטליכע אונ אונערענטליכע, אזוי געפינען זאך אויך צווישען משרתים פיינע הארקטערע אונ נידערטרעכטיגע (דֶער מְשָׁרֵת רֶעדְט אוֹיךְ פִּהִילָאזָאפִּישׁ מֵהֵיבָא תֵּיתָא דַייטְשׁ....)

—נו, אויב אזוי קום איך היינט צו דער פריילין העללענע...״

אָט דָאס אִיז אַמִין הֶעלְד, וָואס **שׁ׳מ׳ר** רוּפְט אִיהְם אָן מִיטְ׳ן נָאמֶען „רֶעאַלִיסְט״; אָט דָאס אִיז אֵיינֶער פוּן דִי בֶּעסְטֶע הֶעלְדֶען בַּא **שׁ׳מ׳רן**; אָט אַזַא פוֹיגֶעל אִיז בַּא אִיהְם, אַיין עֶנְגֶעל, אַ חָכָם, אַ אִידֶעאַל, אוּנ דֶער דָאזִיגֶער אִידֶעאַל זִיסְבְּלוּם דֶער רֶעאַלִיסְט, וֶועלְכֶען **שׁ׳מ׳ר** סִימְפַּאטִיזִירְט אַזוֹי שְׁטַארְק, אָט דֶער דָאזִיגֶער אִידִיָאט זִיסְבְּלוּם הָאט זַאךְ אִינְטֶערְגֶענוּמֶען אוֹיסְבִּילְדֶען אוּנ אוֹיסְבֶּעסֶערֶען דִי מַאמְזֶעל הֶעלְלֶענֶע, וֶועלְכֶע אִיז אוֹיס גֶעוַואקְסֶען אוּנ עֶרְצוֹיגֶען גֶעוָוארֶען אוֹיפְ׳ן „קִיעֶווֹלְיַאנִין״ מִיט דֶער „נָאוָואיֶע וְורֶעמְיַא״ אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט אִיהְר אַרַיינְשְׁמוּעֶסְ׳ן מִכֹּחַ פַּאלֶעסְטִינֶע אוּנ מִכֹּחַ קָאלָאנִיזַאצִיֶע, אוּנ שְׁמוּעֶסְ׳ט זַאךְ אוֹיס נִיט וִוי אַ יוּרִיסְט, נָאר וִוי אַ בֵּית-מֶדְרָשׁ׳נִיק פוּן בִּיסְמַארְקֶען מִיטְ׳ן תּוֹגַר אוּנ מִיטְ׳ן יִשְׁמָעֵאל...

--„ווי איך זעה — האט איהם העללענע געזאגט—זענט איר שוין געווארען א אידעאליסט.

—ניין איך רעד זעהר ראיעל ! האט איהר זיסבלום געענטפערט—איך זאג אייך, אז איך בין פעסט בעשלאסען צו ווערען א קאלאניסט אין פאלעסטינע.

—ווי אזוי וועט איר אבער בעארבייטען די ערד אז איר דארפט גאר זיצען איבער די ביכער ?

—אזוי ווי איך בין געוואנט געווארען צו זיצען איבער די ביכער, אזוי וועל איך געוואנט ווערען בעארבייטען די ערד .

—אונ מיט וואס זענט איר זיכער אז מען וועט אייך פון דארט ניט ארויס טרייבען ?

--ערשטענס טרייבט די טירקיי נישט פון איהרע לאנדער, צווייטענס ווען מע זאל אונז יא פון דארטען ארויסטרייבען, וועלען זאך פאר אונז די אייראפייעשע רעגירונגען איינשטעלען אונ . . . . .

אין דער מינוט איז געקומען א בעדיענטער . . . . "

אין יעדען ארט, וואו ש'מ'ר געפינט זיך אביסעל פאר־פלאנטעט, פארדרעהט, אין דער הינהערפלעט, אונ קאן זאך נישט אויסדרעהען, פאלט ער אויף איין עצה (א היטרע זאך!) אונ שיקט אינטער א משרת, א דינסט מיידעל, א פאליצייסקע, אבי ארויסקריכען פון א פעטיינגע . . . אונ איבער דעם דיענער, וואס איז אנגעקומען אין מיטען, ווייסען מיר ניט, אויף וויפיל ש'מ'ר איז בעקאנט מיט דער דאזיגער וויכטיגער פראגע פון פאלעסטינע, איבער וועלכע פילל שרייבער האבען פארגאסען גענוג טינט, צעבראכען פילל פעדערען אונ באשריבען אסך פאפיר . . . . ש'מ'ר האט געזעהען, אדער געהערט, אז דער עולם רעדט פון פאלעסטינע, פון קאלאניזאציע, האט ער אויך אריינגעווארפען א ווארט מכח פאלעסטינע אונ מכח

קאלאניזאציע, און מעהר קעהרט ער זאך שוין דערצו ניט אום; נאר צום לעצט ראמאן, איז ער אונז מודיע, אז זיסבלום איז שוין אין פאלעסטינע אין א קאלאניע און ער מיט אללע קאלאניסטען לעבען דארט גליקליך, ווי אין שלמה המלך'ס צייטען (בוכשטאבליך) יעדער אינטער זיין ווינשטאק און אינטער זיין פייגענבוים (בוכשטאב-ליך). און איין עק; דאמיט איז ער שוין יוצא לכל הדעות, און אצונד ווייסען מיר שוין אללע, אז **שמ'ר** איז א פאטריאט אויך און האלט פון פאלעסטינע—היינט וואס האט מען צו איהם?....

נאר דאס וואלט אלס געווען גוט, ווען **שמ'ר** זאל אונז געבען מענשען, לעבעדיגע מענשען, יודען; פאלעסטינצעס, צו אמעריקאנצעס—אבי לעבעדיגע מענשען, ניט קיין שטעקענס, קיין קאטשערעס מיט לאפעטעס; נישט קיין מאריאנעטקעס, וואס מע שטעהלט פאר פיר קליינע קינדער; די קוקלעס טאנצען, שפרינגען, שטרייטען, דרעהען זיך, ברעכען זיך—און די קינדער קוועלען אן.

דאס האט איר איין טיפ פון היינטיגער צייט—דעם העלד זיסבלום. דער אנדערער טיפ—די מאמזעל זינא—איז אויך וועהר איין אינטערעסנער טיפ און סע איז כדאי זיך מיט איהר צו-בעקאנען.

שמ'ר האט געהערט, אז פון די אססימילירטע, דאס הייסט פון די, וואס זאגען, אז די יודען זאלען זאך אויסמישען מיט אללע פאלקער, דארף מען אויסלאכען, איז ער גענאנגען און האט אריין גערוקט אינ'ם ראמאן אריין פון „די גאלדענע קעלבער" עפעס א מין בעשעפעניש, א מין בודטא, יודעש מיידעל זינא

וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען הַאלְבּ מַאנְסְפֶּערְזָאהְן אוּנ הַאלְבּ פְּרוֹיעֶנְצִימֶער (אַזוֹי טַאקֶע רוּפְט זִי אָן **שׁ׳מ׳ר**) אוּנ אִיהְר פִּיקְס-אִידֶעֶע, אִיהְר מְשׁוּגַעַת אִיז גֶעוֶועזֶען פְרוֹיעֶנְעֶמַאנְצִיפַּאצְיָאן, ד״ה. אוֹיס בִּילְדֶען אוּנ גֶעבֶּען דִי וַוייבֶּער אַלֶע רֶעכְטֶע גְלַייךְ מִיט דִי מַאנֶען — מִיט אֵיינֶעם וָוארְט, דָאס אִיז גֶעוֶועזֶען עֶפֶּעס אַמִין אַנְדְרֶגִינוּס — הַאלְבּ זָכָר הַאלְבּ נְקֵבָה, מִיט גֶעשֶׁערְעֶנֶע הָאר, כְּסֵדֶר גֶשְׁמוּעֶס׳ט פוּן בִּיכֶער, עֶמַאנְצִיפַּאצְיֶע א. ז. וו....

נָאר אַזוֹי וִוי דֶער דָאזִיגֶער אַנְדְרֶגִינוּס — זִינַא הָאט דָאךְ פָּארְט גֶעהַאט אַ צֶערְטְלִיךְ הַארְ׳ץ פוּן אַ פְרוֹי, לָכֵן הָאט זִי זַאךְ אַיינְגֶעלִיעבְּט אִין אֵיינֶעם פוּן **שׁ׳מ׳ר׳ס** טִירַאנֶען, אַ קִיעֶוער אַרִיסְטָאקְרַאט יוּדַא קְרוּם, וֶועלְכֶער הָאט זִי אָנְגֶערֶעט, אַז זִי זָאל בַּאגַנְבֶנֶען אִיהְר פָּאטֶער דֶעם רַייכֶען שְׁקָאנְטִיסְט פְּלֵיטֶער, אוּנ מֶע זָאל צוּ זַאמֶען מַאכֶען אַ פְּלֵיטָה פוּן קִיעֶוו, אוּנ לֶעבֶּען אַ גוּטֶען טָאג...סֶע פַאר־שְׁטֶעהְט זִיךְ, אַז דֶער דָאזִיגֶער בַּאנְדִיט יוּדַא קְרוּם הָאט נָאר אוֹיס גֶענַארְט בַּא זִינַא אִ׳ן דִי עֶטְלִיכֶע קֶארְבְּלַאךְ אוּנ לִיעבּ הָאט עֶר זִי נִיט גֶעהַאט; זֵיי הָאבֶּען גֶעטוּהְן גֶענִיסֶען דִי פְּרִיכְטֶע פוּן דֶער לִיעבֶּע אוּנ זִינַא אִיז גֶעוָוארֶען..... אִיר פַארְשְׁטֶעהְט?

נָאר אִיר מֵיינְט, אַז דַאמִיט עֶנְדִיגְט זִיךְ שׁוֹין זִינַאְ׳ס עֶפָּאפֶּעֶע? נֵיין; **שׁ׳מ׳ר** ווִילְל זַאךְ נוֹקֵם זַיין אָן דֶער דָאזִיגֶער גֶעבִּילְדֶעטֶער פְרוֹי „זִינַא״ אוּנ אָן אַלֶע פְרוֹיעֶן, וָואס רֶעדֶען וֶועגֶען בִּילְדוּנְג, עֶמַאנְצִיפַּאצְיֶע, פְרַייהַייט א. ד. ג. דְרוּם הָאט עֶר אִיהְר אִינְטֶער גֶעשִׁיקְט אַיין אַנְדֶער מִין שְׁלַאק, עֶפֶּעס אַ קַארְטְיָאזְשְׁנִיק, אַ שִׁיכּוֹר, אַ קַארְמַאנְשְׁטְשִׁיק בְּרַאנְדְוֶועלְט, וֶועלְכֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען

צוּ רָאמַאנְסִירֶען מִיט דֶער שֶׁאנֶער ז י נַ א. אָט הָאט אִיר אַיין אַרְטִיקֶעל פוּן דֶער דָאזִיגֶער מֶערְקְווירְדִיגֶער לִיעבֶּע:

—„גוּט מארגען! דו ווייסט, ליבע ז י נ א — האט ב ר א נ ד וו ע ל ט צו איהר געזאגט, אלס י ו ד א איז ארויס געגאנגען — דו וו'יסט, אז איך בין שוין פארטיג צו דער רייזע? איך וויל מיט דיר היינט בא נאכט אנטלויפען, מיין לעבען. . . .

ז י נ א האט געשוויגען.

—ווארום ענטפערסט דו מיר ניט, מיין ענגעל? כל זמן דו וועסט מיט מיר ניט זיין צו זאמען, איז מיין לעבען קיין לעבען ניט, דו ווייסט, ווי שטארק מיין ליעבע איז צו דיר, דו ביסט די נשמה פון מיין קערפער, אלזא וואס זאגסט דו, פליהען מיר היינט בא נאכט . . . . ״

—„גוּט מָארְגֶען! נאט אַייך אַ גְרָאשֶׁען, גִיט מִיר אַ לִיכְטֶעל! אַלְזָא גִיט אִיר מִיר, צוּ נֵיין?״ . . . . פּוּנְקְט מִיטְ׳ן זֶעלְבֶּען פַּייֶער, מִיטְ׳ן זֶעלְבֶּען עֶנְטוּזִיאַזְם שְׁמֶעקְ׳ן זַאךְ דָא אוֹיס דִי דָאזִיגֶע לִיעבֶּענְדֶע, דֶער פִּיפֶּערְנָאטֶער בְּרַ א נְ ד וֶ ע לְ ט אוּנ דֶער אַנְדֶערְגִינוּס ז י נַ א,—אוּנ זֵייֶער הֵייסֶע לִיעבֶּע עֶנְדִיגְט זִיךְ דַאמִיט, אַז זֵיי בַּאגַנְבֶינֶען דֶעם טִירַאן י וּ דַ א קְ ר וּ ם אוּנ פָאהְרֶען אַוֶועק בֵּיידֶע, אוּנ דָא הוֹיבְּט זַאךְ אָן פַאר ז י נַ אְ׳ן אַ בָּאז לֶעבֶּען, צָרוֹת, מִיט אוּמְגְלִיק, מִיט שְׁלֶעק, דֶען דֶער קַארְטְיָאזְשְׁנִיק בְּ רַ א נְ דְ וֶ ע לְ ט אִיז נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶער בַּאנְדִיט (שׁוֹין וִוידֶער בַּאנְדִיטֶען ?), אַלְס י וּ דַ א קְ ר וּ ם, אוּנ עֶר אִיז שׁוֹין פַארְטִיג אוּמְבְּרֵיינְגֶען דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע ז י נַ א פוּן דֶער וֶועלְט צוּ זַאמֶען מִיט אִיהְר קִינְד, וָואס זִי הָאט אִיהְם גֶעהַאט פוּנְ׳ם עֶרְשְׁטֶען לִיעבְּ-הָאבֶּער י וּ דַ א קְ ר וּ ם — פְּלוּצְלִים . . . פְּלוּצְלִים קוּמְט אַרַיין אַ נַאדְ-זִירַאטֶעל אוּנ פִיהְרְט אַרַיין דֶעם אַלְטֶען שְׁקָאנְטִיסְט פְּ לִ י מֶ ע ר, שׁוֹין אִינְטֶער אַ נַייֶעם נָאמֶען קָ א פֶּ ע לְ בֶּ ע ר ג, וֶועלְכֶער דֶערְקָאנְט זַאךְ

מיט דער אומגליקליכער טאָכטער, אונ סע הויבען זאך אָן גיסען טרעהרען טייכענוויים -- הכלל אַ חתונה, אַ רעש, אַ געפּילדער, געלט, נאַדזיראַטע, אַסטראָג, באַנדיט, וואוועקעלאַקע, פּיפּערנאַטער, לינדענוואָרעם !!! . . . .

נאָר נישט דעם ראָמאַן בין איך אויסען; דער ראָמאַן איז ווי אַללע אַנדערע ראָמאַנען פון **ש'מ'ר**: דער רשע בעקומט די מפּלה אונ דער צדיק ווערדט געהאָלפען ... איך האָב אייך נור געוואָללט ווייזען, ווי אַזוי **ש'מ'ר'ן** האָט זאך פאַרגלוסט נאָכטאַנצען דער מאָדע אונ האָט זאך אינטערנעמען אויסשטעלען אַ ראָמאַן פון היינטיגער צייט, פון יעצטיגער עפּאָכע, וואָס יודען לעבען איבער; ווי אַזוי **ש'מ'ר** האָט זאך געפּרואווט פאָרשטעללען צוויי טיפּען פון ביידע קאַטעגאָריעס: אַ פּאַטריאָט מיט איין אַסימילאַטאָרקע, אַ פּאַלעסטינין מיט אַ . . . . וואָס? ער ווייסט אויך נישט! **ש'מ'ר** האָט געהערט קלינגען אונ קאָן נישט נאָכזינגען . . . .

אַ נייע זשאַרנאַנשרייבערין, מאַריע לערנער, האָט זאך געפּרואווט אויף דעם אַרט צו שילדערען אין איין ערצעהלונג „אַהיים", געדרוקט אינ'ם „וועקער" 1887 יאָהר, איינע פון די דאָזיגע יודעשע פּרויען, וואָס זענען מיט זייער בילדונג פאַרפאָהרען צו ווייט, אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען שוין כמעט-כמעט פאַרגעסען, אַז זיי זענען „יודעשע טאָכטער"—אונ האָבען זאך דאַריבער אָפּגעבריהט.

אויף וויפיל דער דאָזיגער טיפּ איז ריכטיג אונ אויף וויפיל דאָס ערצעהלונג „אַהיים" האַלט אויס די קריטיק, איז ניט אַצונד די צייט צו שמועס'ן; נאָר בכלל גיט אונז מאַריע לערנער

לְכָל-הַפָּחוֹת, אַ בִּילְד פוּן אַ יוּדֶעשׁ מֵיידֶעל, פוּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶען מֶענְשֶׁען, אוּנ מִיר וַוייסֶען, מִיט וֶועמֶען מִיר הָאבֶּען צוּ טוּהְן; מִיר קָאנֶען הָאבֶּען אִינ׳ם פֶּערְזָאהְן אַ בֶּעגְרִיף; מִיר קָאנֶען זָאגֶען, סֶע אִיז גוּט, אָדֶער סֶע אִיז שְׁלֶעכְט; וָואס קָאן מֶען אָבֶּער זָאגֶען אוֹיף **שׁ׳מ׳ר׳ס** אַנְדְרֶעגִינוּס? וָואס אִיז דָאס פַאר אַמִין הָלוֹם?! וָואס אִיז דָאס פַאר קָאמֶעדְיֶעס?! „די גָאלְדֶענֶע קֶעלְבֶּער" אִיז נִיט קַיין קָאמֶעדְיֶע—סֶע אִיז אַ וָואדֶעווִיל, אַ מִין פּוּרִים-שְׁפִּיעל, עֶרְגֶער פוּן אַ וָואדֶעווִיל! **שׁ׳מ׳ר** הָאט לִיעבּ אַ וָואדֶעווִיל; אָט לִיגְט פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען נָאךְ אַ וָואדֶעווִיל: „אַ חֲתוּנָה אָהְן אַ כַּלָה", אֵיינֶע וַואהְרֶע גֶעשִׁיכְטֶע, אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן טְשֶׁעבָּאטְקֶער פִּינְקָס פָאן **שׁ׳מ׳ר.**

דָא וֶוערְט דֶערְצֶעהְלְט זֶעהְר אַ וִויכְטִיגֶע מַעֲשֶׂה, וִוי אַזוֹי אַ-רָב מַאכְט חֲתוּנָה אַ זוּהְן אַ תַּכְשִׁיט פַאר זֶעהְר אַ שֶׁאן מֵיידֶעל, אוּנ עֶרְשְׁט נָאךְ דֶער חוּפָּה לָאזְט זַאךְ אוֹיס, אַז די כַּלָה אִיז גָאהְר נִיט קַיין שֶׁאן מֵיידֶעל, סֶע אִיז גָאהְר משֶׁה׳קֶע דֶער מְשָׁרֵת!! אַ יָא, אַ סַאטִירֶע? פַאר וָואס זְשֶׁע לַאכְט אִיר נִיט?...

מֶערְקְווִירְדִיג אִיז דָאס, אַז דָארְט וואוּ **שׁ׳מ׳ר** ווִילְל אוּנ בֶּעט זַאךְ, מֶע זָאל לַאכֶען, לַאכְט זִיךְ נִיט; אוּנ דָארְט, וואוּ עֶר ווִילְל זַיין עֶרֶענְסְט, סָאלִיד, טְרַאגִישׁ, דָארְט, פַארְקֶעהְרְט, גְלוּסְט זַאךְ לַאכֶען. צוּם בַּיישְׁפִּיל: אִינ׳ם רָאמַאן „אַ שֵׁיינֶע רֵינֶע כַּפָּרָה", זָאגְט **שׁ׳מ׳ר**, אַז דֶער נָאמֶען אַלֵיין אִיז שׁוֹין אַ גוּטֶער אַטֶטֶעסְטַאט פַאר די לֶעזֶער, אַז זֵיי וֶועלֶען דָא הָאבֶּען וָואס צוּ לַאכֶען; אִיךְ הָאבּ זַאךְ נִישְׁט גֶעפוּילְט אוּנ הָאבּ אִיבֶּער גֶעלֶעזֶען דָאס גַאנְצֶע

בִּיכֶעל מִיט ח ַא נְ צִ י ד ְר ֵ יי ֶ ע ד ִי שַׁיינְקֶערִין, מִיט שְׁמַעְיָה פַּייפֶער אוּנ ב ֶ ע ר ְ ק ע צִימְבְּלֶער דִי כְּלֵי זֶמֶר, מִיטְ׳ן הֶערְר ע ֶ פּ ֶ ע ל־קְ ו ַ א ס אוּנ מִיט אַלְלֶע מִיט אַ־נַ־אַנְדֶער, אוּנ סֶע הָאט מִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ נֶעמֶען אוֹיף צוּ לַאבֶען, דֶען מִיט **שׁ׳מ׳ר׳ס** סַאטִירִישֶׁען טַאלַאנְט הָאבּ אִיךְ אַייךְ שׁוֹין אַבִּיסֶעל בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט, אוּנ דָא, בַּא דִי „גָאלְדֶענֶע קֶעלְבֶּער״, אוּנ בַּא דִי אִיבֶּערִיגֶע עֶרֶענְסְטֶע רָאמַאנֶען, וֶועלְכֶע זֶענֶען אַלְלֶע שְׁטְרֶענְג פֶערְבָּאטֶען צוּם נַאכְדְרוּק (חַס וְחָלִילָה!), — דָא, זָאג אִיךְ, אִיז דַוְקָא דָא וָואס צוּ לַאכֶען, זֶעהֶענְדִיג, ווִי אַזוֹי **שׁ׳מ׳ר** טוּהְט נָאךְ דִי פְּרַאנְצוֹיזִישֶׁע רָאמַאנִיסְטֶען דְ י ו ּמ ַ א, פָּ א ל ־ ד ֶ ע ־ ק ָ א ק א . ד . ג ,; עֶר קְרִיכְט אוֹיף דִי גְלַייכֶע וֶואנְט, עֶר פֶערְפְּלָאנְטֶעט זֶעלְטֶענֶע גֶעשִׁיכְטֶעס; מֶע קְלֶעפְּט אוֹיס מִיט וַואקְס דִי שְׁלֶאסְסֶער פוּן דִי שַׁאפֶּעס, מֶע טְרָאגְט מֵתִים פוּן דִי קְבָרִים, מֶע סַמְ׳ט מֶענְשֶׁען, מֶע וַוארְפְט אוּנְטֶער קִינְדֶער אִין מִיטְ׳ן הֶעלְלֶען טָאג, מֶע שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דוּרְךְ פַאלְשֶׁע וֶועקְסְלֶען מִילְלְיָאנֶען פוּן דִי קַאנְטָארֶען, מֶע נֶעמְט אִיבֶּער בְּרִיעף אוֹיף דֶער פָּאסְט, מֶע גַנְבְ׳ט אַוֶועק קְלֵיינֶע קִינְדֶער, מֶע גֶעהְט אַרוֹיס אוֹיפֶן דוּעֶל, מֶע צִינְדְט, מֶע בְּרֶענְט, מֶע פַאר גִיסְט בְּלוּט — אוּנ דָאס אַלֶעס קוּמְט פָאהְר, וואוּ? אִין ק ִ י ֶ ע וו, אִין א ָ ד ֶ ע ס, אִין ב ַ א ב ְ ר ו ּ י ס ְ ק, אִין נ ְ י ֶ ע ס ְ וו ִ י ז ְ ש א . ז . וו . פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען — אוּנ מִיר שְׁוַוייגֶען עֶס! נוּ פְרֶעג אִיךְ אַייךְ אִיז דָא נִיטָא וָואס צוּ לַאכֶען? קָאנֶען מִיר פָאדֶערֶען פוּן **שׁ׳מ׳ר׳ן** נָאךְ אַ־נְדֶערֶע סַאטִירֶע פוּן דֶעם?....

אַצוּנְד, הֶערְרֶען פְּרִיסַיאזְשְׁנֶע זַאסְיֶעדַאטֶעלִים, אַז מִיר הָאבֶּען זַאךְ שׁוֹין גוּט בֶּעקַאנְט מִיט אוּנְזֶער פָּאדְסוּדִימֶע פוּן אַלֶע זַייטֶען, אַז מִיר

וייסען שוין, ברוך השם, ווי אזוי **שמ׳ר** איז א מאראליסט, א-סאטיריקער, א פאעט, א פהילאזאף, א בעללעטעריסט אונ א פסיכאלאג, וועלען מיר איהם נאך באטראכטען פון דער עסטעטישער זייט אויך, איך מיין זיין ס ט י ל ל, די שפראכע אליין; אז די כלה איז ניט קלוג, ניט געבילדעט, ניט פרום, ניט רייך, טא לאז זי האטש זיין שאן! מיר געפינען אין אללע אנדערע ליטעראטורען אויך גענוג פוסטע זאכען, שטות׳עריי, דברים בטלים; דערפאר איז אבער די מליצה א שאנע, אונ דאמיט איז דאס האטש וויפיל סע ניט איז נוצליך פאר די לעזער. בא אונזער ראמאנמאכער איז די דאזיגע מעלה אויך ניטא; אונ **שמ׳ר**, פארשטעהט איר מיך, האט זיך זיין אייגענע שפראכע, זיין אייגענעם זשארגאן, וועלכען מע קאן אונ מע דארף אנרופען מיט׳ן נאמען: „מהיכא תיתא דייטש . . . . " דען זיין זשארגאן איז ניט קיין יודעש׳, ניט קיין רוסיש, ניט קיין דייטש, נאר גלאט אזוי „פ א ל א ו ו י נ ע דייטש חצי ג ו י ע ש", אונ איך בין מסופק, אויב 10 פראצענט פון זיינע לעזער פארשטעהען **שמ׳רס** „מהיכא תיתא דייטש" מיט זיינע „ברוטינאמען, קאמעראדען, פרויענמאנציפאציאנען . . " „אימער ערוואר בען רעספעקט" . . . „הופטענהייט", „ריכארד האט זאך בעוואפענט מיט זיין קינפטינגען עהרע נאמען . . ." „וואגאר שוין דיקטירט די רעדען וואס ער וועט טראגען . . ." „יעמאנדען בעשולדיגען אן צו ווענדען . . ." „זי האט פיינט געהאט זיינע פיזיאגנאמיע מיט די מאניערען . . ." „סימפאטירען" (סימפאטיזירין ?) נאר אויסרעכענען אללע „מהיכא תיתא דייטשע" ווערטער פון אללע **שמ׳רס** ראמאנען איז אוממעגליך. אפט מאהל בענוצט ער אויך די רוססישע שפראכע אונ זעצט זי איבער קונציג, למשל: „בנימין מיט אהרנ׳ן

האבען באגנביט א קלייסטער און האבען ביידע געשמעקט מיט קאטערזנע ארבייט״ (.Они'оба пахли каторжными работами?) „דער ארדענטליכער אולמאן איז געלעגען לעבען לאך פון אבגרונד...״ (Ульманъ находился возлѣ дырки пропасти?) ...״דניאל האט איהם בעפייכט מיט זיינע טרעהרען...״ דער זייגער האט געשלאגען 12 האלבע נאכט...״ „דער ארגינאל פון דער שרעקליכער לאגע...״ „דער קארטארזניק...״ „דער הובעלירער...״ א. ז. וו.

אללע העלדען זענען בא **שמר׳ן** אויף איין שניט אינ׳ם הינזיכט פון שאנקייט: א בילד שאנער בלאנדין הויך געבויעט מיט בלאהע אויגען. א. ז. וו....״

און אט דאס איז דער פארטרעט פון יעדע העלדין בא איהם:

„זי וואר איינע פריילין פאן 18 יאהר, איינע שאנהייט אין פאללען זינען דעס ווארטעס, איהר אלבאסטער ווייסער געזיכט, איהרע שווארצע לאנגע האר ווי א שווארצער גלאנצענדער סאמיט אראפ געהאנגען איבער איהרע שולטערן און איהרע שווארצע פייעריגע אויגען האבען דער מאנט דאס בילד פון דער ווענעראַ....״ (דער כשר׳ער יוד, זייטע 8).

די נאטור ווערדט בא **שמר׳ן** באשריבען אויך משונה ווילד און אויף „מהיבא תיתא דייטש״; צום ביישפיל:

„דאס וואר אין מאנאט מאי די גאנצע נאטור וואר געשמוקט ווי א שיינע כלה אין רויזען, עס וואר א פרעכטיגע לאנדשאפט . . . די זאגנע שטראהלט זא פרעכטיג, זא מאיסטעטיש, זא ליבליך, פונקט, וויא דאס ענגעלשעס געזיכט איהר געליעבטען מאנצנוואלד . . . .״

אט ליגט פאר אונזערע אויגען א יודעש ביכעל, א ראמאן פון מ. ספעקטאר („דער יודעשער מוזשיק‟); מיר וועלען זאך פריוען א קוק טוהן, ווי אזוי באשרייבט דער דאזיגער זשארגאניסט די נאטור אויף פשוט יודעש, אהן „מהיכא תיתא דייטש‟.

„עס איז געוועזען —זאגט ספעקטאר—זעהר א הייסער תמוזדיגער טאג, איינער פון די הייסע ברענענדיגע טאג, אויף וועלכע די חדר־יונגלאך זאגען: „גאטט האט געעפענט דאס פיטערפאסס. . .‟ אזוינע הייסע טאג קאן דער מענש אונ קיין שום בעשעפעניש נישט ליידען, זיי קוקען ארויס אויף דער קיהלער נאכט; קליינע קינדער פליאסקען זאך אין טייך ווי די קאטשקעס; נאר די זלעדניוואטע פליגען מיט אללערליי דעקוטשלעווע ושיקלעך דאנקען אונ לויבען גאטט פאר אזא ווארעמען טאג—זיי קריכען איפ'ן מענשען אונ אויף דער בהמה אונ אויף דער חיה אונ זויגען דאס ווארעמע בלוט, מע קאן זאך פון זיי גאהר נית אפטשעפען . . .

אויף דעם מארק פלאץ אין דער־טיט שטאדט נ-וו האט מען געזעהן מענשען געהן פאוואלי אונ גיך אהין אונ אהער . . . קרעמער, קרעמערקעס, מארקויצערענס, סעדעכעס זענען זיך געזעסען אויף די פריזבעס אונ האבען זאך געפרעגעלט אויף דער זונן, ארויסקוקענדיג אויף קונים . . . יעדער געהט זיך פארטראגען אין זיין זאך: דער סוחר לויפט קויפען ביים גוי א קארעץ ווייץ, א מעסטיל פראסע, מיט דער האפנונג צו פערדינען א גילדען אויף ברויט; דער טראגער טראגט משא גאנץ פלייסיג־פאר 10 גראשען אויף ברויט; דער אביון געהט גלאט אויסבעטען א שטיקעל ברויט . . . קליינע קינדער לויפען פונ'ם הדר אהיים עסען ווארעמעס; דער בעהעלפער טראגט א גאנצען קויש מיט פארסמאלציוועטע פליישיגע אונ מילכיגע טעפלאך, וועלכע ער טראגט עס אפ דער בעל הבית'טע אונ וועט מסתמא בעקומען דער פאר ראש חדש געלד . . . סע הייס, דער שווייס רינט, נאר מע ווישט אפ מיט דער פאלע דעם שוויים אונ מע געהט ווייטער . . . .‟

מיט איינעם ווארט דאס זעהט איר פאר זיך בעקאנטע בילדער פונ'ם אמת'ן יודעשען לעבען; די קרעמערקעס, וואס קוקען ארוים אויף קונים, די הונגעריגע הדר־יונגלאך, דער בעהעלפער מיט

די טאפּלאך — אט שטעהט עס פאר אונזערע אויגען; סע איז בעקאנט, מיר ווייסען עס, מיר געדיינקען עס — סע איז אמת, ווי דער אמת אלליין; סע איז קלאהר, ווי דער טאג איז קלאהר, אונ אללעס, וואס ריכטיג איז, איז גוט, איז רעאלנע; — אונ דאס פאדערט די עסטעטיק, די פּאעזיע, דער קונסט; אזוי דארף מען שרייבען אונ באשרייבען; אזוי איז מהויב יעדער בעללעטריסט געבען אין זיין ראמאן נאר דאס, וואס מעגליך איז, וואס אינ׳ם לעבען געפינט זיך, וואס עס קאן זיך געפינען; ניט אזוי ווי בא **שמ׳ר׳ן** דער פרעכטיגער פּאראדיז, די יודעשע גראפען, די אליזעבעטעס, די מלאכים מיט די באנדיטען, אין וועלכע מיר האבען גישט קיין שום בעגריף, דען סע איז ניט אונזער׳ס, סע קעהר זאך להלוטין מיט אונז ניט אן; סע איז גענומען אויף פראקאט פון פ א ר י ז, דרום האט עס בא אונז אין ק י ע ו, אין א ד ע ס ס, אין ב א ב ר ו י ס ק, אין א ייש י ש א ק אפּנים פון הוזק, ווי א מאלפע אין א פראק מיט א-צעללינדער-הוט, אדער אזוי נאטירליך, ווי „מאנדרעש״ מיט „אסתר המלכה״ בא די פּורים — שפּילער, וועלכע שרייען אן אונ גרילצען אן פוללע אויערען אונ פאר דוללען דעם קאפּ, אזוי אז מע איז זאך מחיה, אז מע ווערט פון זיי פּטור ... **שמ׳ר׳ם** באנדיטען, **שמ׳ר׳ם** ענגלען מיט די אלטע מיידען, מיט די וואווקעלאקעס, מיט די פּיפּערנאטערס אונ מיט אללע מיט א נײאנדער שרייען אויך אן אונ גרילצען אן פוללע אויערען, אונ פארדוללען דעם קאפּ, אונ מע איז זאך מחיה, אז מע ווערט פון זיי פּטור . . . . .

איך האב נאך אצונד צו בעמערקען איינינע קליינינקייטען,

עטליכע טהייערע דימאנטען, וואס ליגען צוואָרפען אין אַללע 50 ראָמאַנען פון **שמ״ר**, וואס ליגען אָט דאָ פאַר אייערע אויגען; נאָר גאָט ווייסט, אויב איך וועל קאָנען דערמאָנען אַללע זייַנע אַנטיקלעך, וואס בעווייזען, אַז **שמ״ר** איז אַ בקי אין אַללע זיבען חכמות אין אַללע שבעים לשונות און איז קלאָהר בעל פה אומעטום, אין תלמוד, אין דער היסטאָריע, אין דער מיטאָלאָגיע, אין יוריספּרודענץ, אין מעדעצין, אין פילאָזאָפיע א. ז. וו.... צום ביישפּיל:

אינ׳ם ראָמאַן „די אייזערנע פרוי״ זעצט ער איבער פון העברעיש: „אַ י ל ת א ה ב י ם. — די גאָטין פון שאָנהייט — אַאוּראָרַא״; מיר דאכט אַז יעדער חדר יונגעל, וואס האָט אַריינגעקוקט אין אַ היסטאָריש ביכעל, ווייסט ער פון דער מיטהאָלאָגיע, אַז די גאָטין פון שיינהייט איז ו ע נ ע ר אַ, און אַאוּראָרַא איז פונקט דער מאָרגענשטערען, אָדער אילת השחר, און דער גאָט פון ליעבע איז „אַ מ ו ר״, ניט אַ ו ר א ר ע ...

אינ׳ם ראָמאַן „די אונגליקליכע ליעבע״ זעצט ער איבער דאָס וואָרט „הבל״ „פאַנאַטיזמוס״; היינט ווי אַזוי וועט ער איבער זעצען „הבל הבלים הכל הבל״? — די וועלט איז אַ פאַנאַטיזמוס פון פאַנאַטיזמוסען א. ז. וו.? ...

אינ׳ם ראָמאַן „דער רייכער בעטלער״ זאָגט **שמ״ר**: „אפילו אזא ז ש ע נ י ע, ווי דער פאעט לוצאטו...." פרעגט דעם לעזער, וואס איז דאָס פאַר אַ מין פויגעל: „זשעניע? נאָר **שמ״ר** איז פון די „פראָנצויזען״: באָן־זאָר און באָן־סאָר („די צדקניות״ פון

ש'מ'ר) הייסט בא איהם: „באן זשור און באן סואר — גוט מארגען, גוט־נ־אבענד . . . .

„למי אני עמל? פאר וועמען הארעווע איך? איז א תלמודישע פראגע, זאגט **ש'מ'ר** אינ'ם ראמאן „דער אוצר", נאר, וואו שטעהט עס? ווער האט דאס געזאגט? — וועגען דעם טוהט שווייגען די היסטאריע . . .

ש'מ'ר איז א תלמודיסט א גרויסער, נאר א העברעישער משורר איז ער נאך א גרעססערע: זיינע העברעישע שירים, וואס ער טוהט אונז שאנקען צום אנפאנג פון יעדען ראמאן, זענען באמת א שאנע מתנה, א מין פרעמיע צום ראמאן גופא, און היינט איז דאך טאקע א מאדע פרעמיע'ס! נאר מיינסטענטהייל זענען די דאזיגע „פרעמיעס" פון **ש'מ'ר** . . . נאר אזוי ווי דאס קעהר זיך שוין מיט'ן זשארגאן ניט אן, לכן מאך איך א שווייג.

אינ'ם ראמאן „דער שלימזלדיגער האז" טוהט זיך **ש'מ'ר** א זאג „אז אויף ר' בערניו פון קארעץ האט מען נביאות געזאגט, אז ער דארף זיין משיח, דען אזא אידיאט און אזא גולם, ווי ער, האט מען בעדארפט זוכען מיט ליכט" . . . אשענער בעגריף אין משיח'ן! . . . מע דארף עס בעווייזען אונזערע טאלאנטפאללע פאטריאטישע יודעשע משוררים — וואס וועלען זיי דערויף זאגען? . . . .

אינ'ם ראמאן „צווישען צוויי פלאמען" זאגט **ש'מ'ר**, אז נתן האט זיך ערצויגען „אין מילך און אין האניג" — איר האט אמאהל געהערט אזא מין פערגלייכונג? . . . ער האט געגעסען „בגדי מלכות און איז געוועזען מלובש מאכל מלכים" — (בְּלָשׁוֹן סגי נה'ר) . . .

אין איינעם פון זיינע העכסט אינטערעסאנטע ראמאנען (איך האב שוין פאר געסען אין וועלכען) זאגט **שמ״ר**, אז „די העלדין איז געווען אים געשטעלט, דען פאר 20 יאהר האט זי ניט געקאנט חתונה האבען; דאס איז דאך פאר באטען, לויט די רוססישע געזעטצען . . . . ווער ווייסט ניט, אז לויט די רוססישע געזעטצען איז פערבאטען חתונה צו האבען א מאנספערזאהן פאר 18 און א פרויענצימער פאר 16 יאהר?

אין׳ם „ספעקולאנט״ זאגט **שמ״ר**: . . . . „די פראסטע יודלאך, וואס שטעהען היינט אויף דער שפיצע דעם גליקעס, האבען פיינט געקריגען זייער רעליגיאן? ווער האט זיי געגעבען אזעלכע הערנער? — נור די ספעקולאציאן! . . . .

דאס איז שוין צוזאמען געבונדען. די פסיכאלאגיע מיט דער פאליטישער עקאנאמיע, אין וועלכע **שמ״ר** איז פונקט, ווי בא זיך אין דער היים . . . נור סע האט דען א שיעור אויס צו לאזען אללע אנטיקלעך, וואס וואלגערען זאך בא **שמ״רן** אין זיינע ראמאנען? אויף אזעלכע קלייניגקייטען קאן מען מדקדק זיין מיט א רעכטען שרייבער, אבער ניט מיט אזא פאפיר פאצקער, ווי **שמ״ר** . . .

אצונד, הערען פריסיאנישע זאסיעדאטעלים, נאכדעם אז איך האב אייך קלאהר געמאכט וואס פאר אמין ראמאנמאכער אונזער פאדסודימע איז, וואס פאר אמין פאלקס שרייבער **שמ״ר** איז, פערהאף איך אז אייער שכל הישר, אייער געשמאק און אייער ריינער געוויסען וועט אייך אינטערזאגען, אז איר זאלט זאך באגעהן מיט איהם כמדת — הדין, און איר וועט איהם געוויס נישט מילעווען, אזוי ווי סע פארדיענט אזא שעדליכער שרייבער, אזא פאלקס—מערדער; איר וועט דאמיט טוהן צוויי וואהלטהעטיגקייטען: איר וועט באגראבען

א ליטעראַרישען געשעפט מאַכער, אונ וועט פערהיטען אונזער יונגען אַרעמען זשאַרגאָן פון אַנדערע אַזעלכע פאַראַזיטין. ניט פון מיינעט וועגען זאָג איך עס איך, הערען פּריסיאַזשנע זאַסיעדאַטעלים, איך זאָג עס איך אים נאָמען פון דער ליטעראַטור, פון דער גאַנצער מאַססע לעזער, פונ'ם גאַנצען פאָלק!

*

*

*

דער פּראָקוראָר האָט זאָך אַנידער געזעצט אונ דער אַדוואָקאַט, **ש'מ'ר'ס** פּאָווערענע, איז אויפגעשטאַנען, האָט זאַך אויסגעהוסט אונ האָט אָנגעהויבען זיין זאַשטשיטע בזה הלשון:

הערען סודיעס אונ הערען פּריסיאַזשנע זאַסיעדאַטעלים! מיין טאַלאַנטפּאָללער פּראָטיווניק, דער הער פּראָקוראָר, האָט איך דאָ אויסגעמאָהלט אַ גאַנץ שאָנעם בילד אונ האָט איך פאָרגעשטעלט מיין קליענט. דעם הער **ש'מ'ר**, ווי אַ שעדליכען פּאַראַזיט, ווי אַ פאָלקס—מערדער, ווי אַ רוצח, אַ גזלן א. ד. ג — נאָר סע איז ניט אַזוי די מעשה; ווי אַזוי מע ווילל, אַזוי לייענט מען דאָס בריוועל: דערויף איז ער דאָך אַ פּראָקוראָר צו שנאָרען, צו זוכען, צו געפינען נור די ערגסטע זייט; איך מיין, אַז סע איז קיין מלאכה ניט פון ווייס מאַכען שוואַרץ, אונ אַז מיר זאָהלען נעמען זוכען, וועלען מיר געפינען איינער באַם אַנדערען גענוג חטאים, גענוג פעהלער. יעדער זאַך מוז

אבער האבען א גדר, א גרעניץ; סע איז קיין קונץ ניט ארויף וואַרפען אויף א מענטשען א גאנצען בארג מיט עבירות און זוכען, און גישטערען, און קראצען פון הינטער דער ערד — אבי צו באגראבען א נפש, אבי צו הרגינען א נאמען פון א שרייבער, וואס האט דאך געשריבען, אזוי פיל געשריבען פאר'ן פאלק. אמת, איך וועל אייך נישט זאגען, אז מיין קליענט איז א גרויסער, א געריהמטער בעלעטריסט; איך וועל אייך אבער ניט זאגען דאס אויך, אז ער איז לחלוטין קיין שרייבער ניט, אז ער האט שוין גאהר קיין שום טאלאנט ניט. א מאה ראמאנען, הערען פריסיאזשנע זאסיעדאטעלים, 100 ראמאנען איז עפעס ניט קיין קלייניגקייט, נישט אזוי גרינג אויס צו-רעדען — צוויי טויזענט העלדען! דער הערר פראקוראר זאגט, אז זיי זענען אללע איבערגעניצעוועט פון פראנצויזישע ראמאנען; לאז זיין אפילו אזוי, איז דאס אויך עפעס ווערטה — איבער מאכען אפילו א מאה ראמאנען איז אויך שווערער, ווי צו זיין א פראקוראר! ובפרט, אז ניט אללע זענען איבער געמאכט; צום מיינסטען זענען זיי זיינע אייגענע, פון **ש'מ'ר'ס** פאנטאזיע — דאס וועט מיר ניט אפלייקענען דער הערר פראקוראר אויך; אז טאמער קעהרען זיי זאך נישט אן מיט'ן יודעשען לעבען — איז ניט **ש'מ'ר** שולדיג אין דעם: אט אזא מין סחורה פאדערט פארט דאס פובליקום, דער אונגעבילדעטער קלאסס לעזער, און אזא מין ארט ראמאנען זוכט נאך דער מוכר ספרים, דער פאקען—טראגער, וועלכער דארף גאהר ניט קיין בעססער'ס — ער זוכט נאר ביליג און אסך! ... איך פרעג אייך, מיינע הערען, וואס איז שולדיג **ש'מ'ר**, אז מע קומט צו איהם און מע באצאהלט איהם פונ'ם בויגען, אז ער זאל אנשרייבען אט אזא

און אזא ווערק, סע זאל הייסען אט אזוי און אזוי? די סקלאדען צוקויפען עס, דאס פובליקום רעזט דאס — מסתמא דארף מען דאך עס! מע זאל עס נישט דארפען וואלט מען עס ניט געקויפט, און אז מע ניט געלט פאר וואס זאל מען ניט נעמען? סע איז דא א גויעש ווארטעל: „דורען דאיע, דאזומנע בערע"‏.... דער העדר פראקוראר פיהרט דורך א פאראלעל צווישען מיין קליענט **שמ"ר** און צווישען אבראמאוויטשען, לינעצקע, גאלדפאדען. א. ד. ג. — וועה איז מיר! ווער זאגט דען, אז ער קאן זאך גלייכען צו זיי? **שמ"ר** אליין וועט עס אייך אויך ניט זאגען! ער איז גאהר ניט אזא אידיאט, אז ער זאל זאך וועללען איינרעדען אזא גראב נארעשקייט... דער העדר פראקוראר רופט איהם אן „מערדער", „רוצח", „גזלן"; קוקט אייך צו, העררען פריסיאזשנע זאסע־דאטעלים, צו מיין קליענט, צו האט ער א פנים פון א מערדער, א רוצח, א גזלן? וואס פאר א שלעכטע מחשבה, חלילה, קאן **שמ"ר** האבען מיט זיינע ראמאנען? ער מיינט, חלילה, דאמיט קיינעם ניט שלעכט'ס טוהן, נישט זאטשעפען, נישט קאליע מאכען יענעם אין פרנסה; א ייד א סוחר וויל פארדינען א קארבעל — מהיכי תיתא, פאר וואס ניט? מאהלט אייך, וואס א יודעשער מחבר קאן שוין האבען פונ'ם שרייבען, פערגין איך עס אללע מיינע שונאים, און איך בין בעוואָרענט, אז ווען מיין קליענט זאל האבען עפעס א רעכטע פרנסה, א קלייטעל, א קאמיסיע, א שטעללע, וואהלט ער אייך מוחל געווען איינגאנצען דעם נאמען, מיט'ן כבוד, מיט דער ליטעראטור מיט אללע מיט א־נא־אנדער.*) נאר וואס זאל מען טוהן,

*) אינ'ם ראמאן „דער אוצר" זאגט **שמ"ר** בפירוש אז ער וואהלט מאכען

הערען פריסיאזשנע זאסעדאטעלעס, מע דארף לעבען, מע דארף עסען! א יודעשער ליטעראט האט אויך א מאגען! דער הערר פראקוראר ווייזט אויס, אז שמ'ר איז ניט קיין מאראליסט, ניט קיין סאטיריקער, נישט קיין פאעט, נישט קיין בעללעטע-ריסט, נישט קיין פסיכאלאג, נישט קיין פילאזאף און נישט קיין עסטעטיקער; זעהר פיין, איך בין מסכים, איך גיב איהם נאך; איך וואהלט אבער א בעל'ן געווען וויסען, ווער איז דער דאזיגער שרייבער, וואס באזיצט אט די אללע מעלות? צו פאדערען דאס אללעס פון איין מענשען דארף מען זיין א גרויסער פעדאנט! נאר וואס הייסט דאס? שוין זשע איז אין דער גאנצער האלבער מאה ראמאנען, וואס דער פראקוראר האט דא אויסגערעכענט, איז ניטא האטש איין ביכעל א רעכט'ס, האטש איין קאפיטעל, האטש איין בלאטעל? סע קאן ניט זיין! סע קאן ניט זיין! פארקעהרט, איך ווייס פון מיין אייגענער פראקטיקע, אז פילל מאמזעלען, וואס האבען געלעזען די העכסט אינטערעסאנטע ראמאנען פון שמ'ר, האבען ניט איין מאהל געוויינט, געגאסען מיט טרעהרען; מסתמא, אז מע קאן דאביי וויינען, איז דאך עס עפעס! נאך א בעוויז האבען מיר, אז זיינע ווערק האבען „פארט אין זיך א שטיקעל ממש, — דאס, וואס סע געפינען זיך אסך נאכבאמצער, וואס בענוצען זיך מיט'ן נאמען שמ'ר אויף זייערע ווערק. אט האב איך דא אין מיין פארטפעל

א געשעפט מיט די נאראנים, וואס וועלען איהם שטעללען איין אייזערנעם מאנומענט נאך זיין טויט; ער וועט נעמען בא זיי בחייו אדרימעל וואס דער מאנומענט דארף קאסטען . . . . שמ'ר האט חשק! נאפאליאן האט געזאגט: „יענער איז ניט קיין סאלדאט, ווער עס האפט ניט צו זיין א מאל א ג ע נ ע ר א ל . . . ” שלום עליכם.

אַ שאָנע שמאַטע, אַ ראָמאַן „די אַריסטאָקראַטקע״ פון אַבְרָהָם יִצְחָק בּוּכְבּינְדֶער פון אַדֶעס; דער נאָמען פונ'ם מְחַבֵּר איז אויס געשטעלט מיט קליינע אותיות, אונ פון אויבען שטעהט שוין מיט גרעסערע אותיות: פערפאַסט אויף דעם אַרט פון **שׁ'מ'ר** (נאָהר גרויסע אותיות!)

דאָס צווייטע אַנטיקעל איז „די הֲדַסָּה״, אַ דְרַאמֶע אין 4 אַקטען פון שִׁמְעוֹן בֶּעקֶערמַאנְן, אויך פון אַדֶעסס; אונ אויך פערפאַסט „אויף דעם אַרט פאָן **שׁ'מ'ר**״ (מיט גרויסע אותיות!) אונ בּכדי סע זאָל אויסקומען פונקט, אַזוי ווי בּאַ **שׁ'מ'ר'ן**, וואָס שטעלט אויס אויף זיינע בּיכלעך „נאכדרוק שטרענג פארבאטען״, האָט שִׁמְעוֹן בּעקקערמאַנן דאָס אויך אַנידער געשטעלט פון הינטען, נאָר סע איז אויסגעקומען אַביסעל אַנדערש, דְהַיְינוּ: „נאך דריק שטרענקס פאר באטען!״

אָט דאָ ניט לאַנג האָט אַ נייער מין מְחַבֵּר, עפּעס איינער אוּלְרִיך קַאלְמוּס (דאַכט זיך אויך פון אַדעס?..) איבּער-געניצעוועט איינעם פון **שׁ'מ'ר'ס** ראָמאַנען „אַפּאַטש פון זיין ליבּען נאָמען״, ווי דער בַּעַל הַבַּיִת האָט חֲתוּנָה פאַר דער קעכ'ן צו-ליעב דעם גרויסען געווינסט; נאָר דער אוּלְרִיך קַאלְמוּס האָט עס אַרויס געגעבּען פאַר אַ דראַמע (אַ זעלטענהייט!...) אינטער דעם נאָמען „דער גרויסער טְרֶאפּפֶּער״, אונ מיט אַזאַ שאַנער שפּראַכע, אַז ער מעג הייצען די הרוּבּע בּאַ **שׁ'מ'ר'ן**, אונ דער אינהאַלט גופא איז אויך זעהר אינטערעסאַנט, דען אַללע העלדען בּאַ אוּלְרִיך קַאלְמוּס טרינקען רַק קאַפע; סע ווייזט אויס, אַז

אולריך קאלמוס האט נישט פיינט קיין קאווע, און קאווע איז דאך אזא משקה, וואס סע מאכט ניט קאליע....

—הערר זאשטשיטניק! — האט איהם פלוצלים איבער געריסען דער פרעדסיעדאטעל — איך וועל אייך בעטען איר זאלט רעדען מעניינו און נישט פאר קריכען קיין כוויבריק!

—פארדאן! אלזא, העררן פריסיאזשנע זאסיעדאטעלים, איז אייך שוין קלאהר, אזוי ווי דער טאג איז קלאהר, אז ש'מ'ר'ס ראמאנען האבען אין זיך יא עפעס, ניט אזוי וויא דער העררפראקוראר האט אפגעלייקענט להלוטין. נאך א בעוייז קאן איך אייך בריינגען פון דעם, וואס דער עולם לעזט אסך מעהר ש'מ'ר'ס ראמאנען אלס אבראמאוויטשעס אדער אנדערע אזעלכע ווערקע; איבער וואס? איך פרעג אייך, איבערוואס? מסתמא איז דאס נישט אומזיסט; מסתמא מוז דא עפעס זיין. איך רעכען, אז צווישען ש'מ'ר'ן און צווישען זיינע לעזער איז דא עפעס אמין בונד (связь), עפעס אזעלכעס, וואס זייערע סימפאטיען גלייכען זאך אוים; סע ווייזט אוים, אז ש'מ'ר האט גוט פארשטאנען, וואס דער עולם האט ליעב; נו, וואס זשע איז ש'מ'ר שולדיג, אז דאס פובליקום פארשטעהט ניט? וואס זאהל ש'מ'ר טוהן, אז דער המון האט פארט ליעב אזעלכע בבא מעשיות, ווי דער העררפראקוראר רופט זיי אן, מיט באנדיטען, פיפערנאטערס און וואווקעלאקעס? די מאססע, דער המון-עם איז א קליין קינד און סע קאן ניט אנשלאפען ווערען אהן א בבא-מעשה, און סע האט ליעב אזעלכע זאכען, און סע האט מורא פאר „א בא וו", און סע איז נייטיג, אז מע זאל עס אמאל אנשרעקען.

דָאס אַלְלֶעס הָאט **שׁ'מ'ר** גוּט פַארְשְׁטַאנֶען אוּנ, אִיהר וֶועהט דָאךְ, ווִיעֶר הָאט קוֹנֶה-שֵׁם גֶעוֶוען! פָּאהְרְט אַריין, וואוּהִין איר ווִילְלט, אִין אַ יוּדֶעשׁ שְׁטֶאדְטֶעל, טוּהְט אַהַאפּ, וֶועמֶען איר ווִילְלט, אַ קְלֵייט מְשָׁרֵת, אַ דִינְסְטְמֵיידֶעל, אַ בַּעל מְלָאכָה, אַ קֶעכְ'ן, אַ סֶעדֶעכֶע,—וֶועט איר הֶערֶען מִיט וָואס פַאר אַ פֶּערְגְנִיגֶען זֵיי וֶועלֶען אַייךְ עֶנְטְפֶעֶרען:

„אַ אַ אַ? **שׁ'מ'ר**?..״ טוּהְט זְשֶׁע אָבֶּער אַ פְּרֶעגְ דִי זֶעלְבֶּע קֶעכְ'ן אָדֶער דִי סֶעדֶעכֶע, אָדֶער דָאס דִינְסְט מֵיידֶער וֶועגֶען אַ בְּרַאמָא-ווִיטְשׁ, לִינֶעצְקֶע א. ד. ג., וֶועלֶען זֵיי עֶפֶּענֶען מוֹיל אוּנ אוֹיעֶרֶען אוּנ וֶועלֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֶעהְן, וָואס הֵייסְט אַבְּרַאמָא-ווִיטְשׁ, לִינֶעצְקֶע א. ד. ג.... וָואס זְשֶׁע אִיז דִי מַעֲשֶׂה? דִי מַעֲשֶׂה דֶערְפוּן אִיז אַזוֹ. אַבְּרַאמָאווִיטְשׁ, לִינֶעצְקֶע א. ד. ג. זֶענֶען שְׁרַייבֶּער פַאר דֶער אִינְטֶעלְלִיגֶענְצִיע, פַאר גֶעקְלִיבֶּענֶע, אֵיינְצֶעלְנֶע מֶענְשֶׁען, פַארְ'ן גֶעבִּילְדֶעטֶען אָדֶער פַארְ'ן הַאלְבּ גֶעבִּילְדֶעטֶען קְלַאסְס, אוּנ **שׁ'מ'ר** אִיז זִיךְ אַ פָאלְקְס-שְׁרַייבֶּער, אַ רָאמַאנִיסְט פַאר קְלֵייט מְשָׁרְתִים, דִינְסְטְמֵיידְלַאךְ, קֶעכֶענְ'ס, אָנְטְרַייבֶּערְס אוּנ סֶעדֶעכֶעס. יָא, הֶערְעֶן פְּרִיסְיַאזְשְׁנֶע זַאסֶיעדַאטֶעלִים, פַאר'ן דָאזִיגֶען עוֹלָם אִיז **שׁ'מ'ר** זֶעהר אַ שֶׁאנֶער שְׁרַייבֶּער, זֶעהְר אַ פַיינֶער בֶּעלְלֶעטְרִיסְט, דֶען פַאר דֶעם עוֹלָם אִיז מֹשֶׁה מַארַאהָאווְסְקָע מְבָאהְסְלָאוו אַ גַאנְץ הִיבְּשֶׁער פָּאעֶט, אוּנ אוּלְרִיךְ קַאלְמוּס אַ דְרַאמַאטוּרְג וָואס שְׁרַייבְּט דְרַאמֶעס אוּנ קָאמֶעדְיֶעס, אוּנ עוֹזֵר בְּלַאשְׁטֵיין, אוּנ בֶּעקְקֶערְמַאנְן, אוּנ חַיִים בּוּנִים צִימְבְּלֶער, אוּנ פִּישְׁזָאהְן דֶער בַּדְחָ'ן אוּנ אַלְלֶע אַנְדֶערֶע שְׁרַייבֶּערְלַאךְ זֶענֶען פַאר דִי לַייט גַאנְץ גְרוֹיסֶע שְׁרַייבֶּעְר'ס.... אִיךְ זֶעה אַז דֶער הֶערְר פְּרָאקוּרָאר קוּקְט אוֹיף מִיר קְרוּם, וָואס אִיךְ בַּאלֵיידִיג אַזוֹי דִי מַאסֶע,

דאס פאלק; וואס זאל איך טוהן? איך וואהלט אויך אזבעל׳ן זיין, אז דער המון זאל בעסער נעמען צו לעזען דאס, וואס סע לעזט דער אינטעלליגענטנער קלאסס אין זשארגאן; איך וואהלט אויך געוואלט זעהען, ווי אזוי די קעכ׳ן וועט נעמען א בראמאוויטשעס, ליגעצקעס און נאך אזעלכע ווערק; איך וואהלט אויך וועלען הערען וואס וועט זאגען דאס דינסט מיידעל וועגען ספעקט א ר׳ס א ראמאן; איך וואהלט אויך געוואללט דער לעבען יענע גליקליכע צייט, ווען דער דאזיגער עולם וועט נאכזוכען עפעס א רעכט ביכ׳ל, וועט אנ-קוקען א יודעש צייטונג, א סבארניק, וועט פארשטעהן, וואס הייסט א קריטיק און ווי נייטיג דאס איז . . . נאר גאט ווייסט, אויב איך מיט׳ן הערר פראקוראר, מיט אייך אללע, וועלען דאס דערלעבען; גאט ווייסט, אויב פון אונזער היינטיגער זאסיעדאניע, וואס ווערדט דא געסטענאגראפירט דורך אונזער סטענאגראף שלום עליכם, און סע וועט מסתמא זיין אפגעדרוקט אין א בעזונדער ביכעל, — גאט ווייסט, אויב עמיצער וועט וויסען דערפון! ... ניין, הערען פריסיאזשנע זאסעדאטעלים, איר דארפט זאך ניט אזוי שטרענג באגעהן מיט מיין קליענט, דען ניט **שמ׳ר** איז שולדיג, וואס ער איז א-**שמ׳ר**; דאס פובליקום איז שולדיג, דאס פאלק, וואס סע געפינט זיך אין דעם אזא **שמ׳ר** ... א געוויסער נאטורפארשער האט געזאגט, אז יעדער זאך איז א פראדוקט פון זיין ארט און יעדער מענטש איז א פראדוקט פון זיין צייט, פון זיינע אומשטענדען; אט דאס וואס מיר זעהען, דאס וואס סע געפינט זאך אויף דער וועלט, דאס מוז זיין, סע קאן אנדערש ניט זיין, וואר׳ען סע זאל ניט דארפען זיין, וואהלט דאס נישט געוועזען... דרום מוזען מיר אנקומען דערצו,

דרום מוזען מיר זאך איבערבעטען מיט'ן פאקט, אז אזעלכע שרייבער
ווי **שמ׳ר**, בעקקערמאנן, אולריך קאלמוס, משה
מאראהאוועסקי מבאהסלאוו, עוזר בלאשטיין,
היים בונים צימבלער אונ נאך אזעלכע מוזען זיין אין
אונזער ליטעראטור, אונ וואס מעהר מיר וועלען זיי פערפאלגען, וואס
מעהר מיר וועלען זיי רודפ'ן, וועלען זיי זאך מעהר פלאדען,
פרוכפערען אונ מעהרען, שפראצען ווי גרין-גראז אונ וואקסען ווי
פעטשעריצים, — לאזט זיי צו רוה, זיי וועלען ממילא בטל ווערען; לאזט
דעם עולם, ער זאל זיך אליין אויסקלייבען מאטעריאל צום לעזען. דער
עולם, זאג איך נאך א מאהל, איז א קליין קינד; סע וועט עלטער ווערען,
וועט דאס קליגער ווערען; איר וועט נישט פארשפעטיגען גאהר ניט,
אונ דער אמת'ער טאלאנט, דער וויכטיגער שרייבער וועט איבער זיי
נישט קלאנער ווערען; גאטט'ס וועלט איז א גרויסע וועלט; צוזאמען
מיט דער שאנער נאטור אונ מיט'ן קלוגען מענשען עקסעסטירען אויך
שקצים ורמשים, ווערעם אונ טאראקאנעס, צפרדעים מיט כנים,—
ערוב, דבר, א. ז. ו.... אונ מאכען גאט'ס וועלט נישט קאליע...

אלזא, הערען פריסיאושנע זאסיעדאטעלים, פערהאפ איך, אז
אייער שכל הישר מיט אייער געוויסען וועלען אייך נישט דער־לאזען
אז איר זאלט זאך באגעהן אזוי שטרענג מיט מיין קליענט, הערר
שמ׳ר, וועלכער איז אצונד בא אייך אין די האנט, אונ וועלכער
בעט אייך איר זאהלט זאך מיט איהם רעכענען מיט יושר אונ מיט
רחמים, ווי א מענש מיט א מענשען . . . איך האב געענדיגט. —

* *

*

—וָואס הָאט איר צו אָפּעֶנְטפֶערֶען? — הָאט זַאךְ דֶער פְּרֶעזִידֶענְט-דַאטֶעל גֶעוֶוענְדְט צום פְּרָאקוּרָאר.

—נָאךְ אַזַא רֶעדֶע, נָאךְ אַזַא „וַאשְׁטְשִׁיטֶע”, ווי מַיין פְּרָאטִיווּנִיק, דֶער אַדְוָואקַאט, הָאט גֶעהַאלְטֶען, הָאבּ איךְ שוין נִישְׁט וָואס אָפּ צוּעֶנְטְפֶערֶען. — אַזוֹי הָאט גֶעזָאגְט דֶער פְּרָאקוּרָאר אוּנ הָאט זִיךְ אַנִידֶער גֶעזֶעצְט.

—הֶערְר פָּאדְסוּדִימֶע! אִיר קָאנְט אַצוּנְד זָאגֶען אַייֶער לֶעצְט וָוארְט.

אַזוֹי הָאט זַאךְ גֶעוֶוענְדְט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט-דַאטֶעל צו **שׁ׳מ׳ר׳ן**, וֶועלְכֶער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּנ הָאט מִיט אַ צִיטֶערֶענְדֶער שְׁטִימֶע גֶעזָאגְט:

—הֶערְרֶען פְּרִיסְיַאזְשְׁנֶע זַאסֶעדַאטֶעלִים! אִיךְ וָואל אָפְּעֶנְטְפֶערֶען דֶעם פְּרָאקוּרָאר מִיט׳ן וַאשְׁטְשִׁיטְנִיק, עֶרְלוֹיבְּט מִיר נִיט מַיין גֶעזוּנְד; זָאגֶען, אַז אִיךְ בִּין אַ גְרוֹיסֶער בֶּעלְלֶעטְרִיסְט, וֶועל אִיךְ נִיט זָאגֶען.. אִיךְ קָאן אַייךְ נָאר זָאגֶען, אַז אִין מַיין צַייט אוּנ צְווִישֶען מַיינִיגֶע בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גְרוֹיס... הַיינְט אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַ נַייֶער דוֹר ... סֶע הָאבֶּען זַאךְ בַּאוִויזֶען נַייֶע זְשַׁארְנָאלִיסְטֶען; גֶעבִּילְדֶעטֶע מֶענְשֶׁען, הֶעבְּרֶעִיסְטֶען, דָאקְטוֹרִים — אַלְלֶע הָאבֶּען זַאךְ גֶענוּמֶען שְׁרַייבֶּען

זְשַׁארְגָאן ... סֶע אִיז גָאהְר גֶעוָוארֶען אַ מָאדֶע צוּ קְרִיטִיקִירֶען אַ-זְשַׁארְגָאנִישׁ װֶערְק... דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פְרִיהֶער; קֵיינֶער הָאט מִיר נָאךְ נִישְׁט גֶעזָאגְט קֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט אוֹיף מַיין שְׁרַייבֶּען;... פַארְקֶעהְרְט, מֶע הָאט מִיךְ גְעלוֹיבְּט, מֶע הָאט מִיר גֶעדַאנְקְט, מֶע הָאט מִיר גֶעצָאהְלְט גֶעלְט -- אַבִּי אִיךְ זָאל שְׁרַייבֶּען רָאמַאנֶען.. אַצוּנְד, אַז סֶע הָאט זַאךְ אוֹיפְגֶעעֶפֶענְט אַ יוּדֶעשׁ בְּלַאטְט, אַז סֶע אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַ קְרִיטִיק, הָאט מֶען זַאךְ תֵּיכֶף גֶענוּמֶען צוּ מִיר, אַלְלֶע אוֹיף מִיר... „קְרִיטִיקוּס" אוֹיף מִיר.. דֶער „יוּדֶעשֶׁער גַזְלָן" אִין „פָאלְקְסבְּלַאטְט" אוֹיף מִיר, פְּרִישְׁמַאנְן אוֹיף מִיר, שָׁלוֹם-עֲלֵיכֶם אוֹיף מִיר.... אַלְלֶע אוֹיף מִיר... וָואס עֶפֶּעס צוּ מִיר, נִיט צוּ אַלְלֶע אַנְדֶערֶע? וַוייל מִיר אִיז מֶען מְקַנֵא, מֶע פַארְגִינְט מִיר נִיט.... הֶערְרֶען פְּרִיסִיַאזְשְׁנֶע זַאסֶיעדַאטֶעלִים! אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף מַיין לֶעבֶּען קָרוֹב צוּ אַ מֵאָה רָאמַאנֶען... גְרִינְג אִיז דָאס מִיר נִיט אָנְגֶעקוּמֶען.... דֶער הֶערְר פְּרָאקוּרָאר זָאגְט, אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי אִיבֶּערְגֶענִיצֶעוֶועט פוּן פְרַאנְצוֹיזִישֶׁען... אִיךְ שְׁוֶוער אַייךְ בֶּנֶאֱמָנוּת, אַז קֵיין פְרַאנְצוֹיזִישׁ קָאן אִיךְ נִישְׁט.... וָואס פַאר אַ פְּאָדְיַאקֶע קָאן אִיךְ זַאךְ דֶערְלֶעבֶּען פוּנ'ם פָאלְק?.. אִיךְ הָאבּ דָאךְ לַאנְג גֶעזָאגְט אִין אֵיינֶעם פוּן מַיינֶע רָאמַאנֶען, אַז אִיךְ בִּין אַייךְ מוֹחֵל דֶעם אַייזֶערְנֶעם מַאנוּמֶענְט, וָואס מֶע װֶעט מִיר שְׁטֶעלְלֶען נָאכְ'ן טוֹידְט... אִיךְ הָאבּ אַזוֹי פִילְל גֶעהָארֶעוֶועט אוּנ צוּם סוֹף הָאט מֶען גֶעמַאכְט פוּן מִיר אַ תֵּל...... הֶערְרֶען פְּרִיסִיַאזְשְׁנֶע זַאסֶיעדַאטֶעלִים!.... הָאט רַחֲמָנוּת....

דָא הָאט זַאךְ בַּא **שׁ'מ'ר'ן** דָאס קוֹל אִיבֶּער גֶערִיסֶען אוּנ מֶע הָאט דֶער הֶערְט אִין זַאל אַ גֶעוַויין מִיט אַ חְלִיפֶערַיי; דָאס הָאבֶּען גֶעוַויינְט צְווֵיי קֶעכֶערִינְ'ס מִיט אַ דִינְסְט מֵיידֶעל; דֶער אִיבֶּערִיגֶער

עולם איז אויך געווען טרויעריג און בא איניגע זענען געווען די אויגען רויט און פייכטלעך . . .

—נו, הערען פריסיאוישנע זאסיעדאטעלים, האט דער פרעדסיעדאטעל געזאגט — אצונד געהט איר אין אייער חדר אריין; איר דארפט ארויס טראגען אונזער פאדסודימע אייער משפט, וועלכער בעשטעהט אין דריי אופנים:

1.) אויב איר וועט געפינען, לויט דעם פראקוראר׳ס בעשולדיגונג, אז **ש׳מ׳ר** איז דורך אוים שולדיג, וועט איר שטעלען: „יא, ער איז שולדיג."

2.) אויב איר וועט געפינען, לויט דעם זאשטשיטניקס פערטהיידיגונג, אז **ש׳מ׳ר** איז לחלוטין נישט שולדיג, וועט איר שטעלען: „ניין, ער איז ניט שולדיג."

3.) און אויב איר וועט געפינען, אז **ש׳מ׳ר** איז יא שולדיג, נאר מען קאן אויף איהם מלמד זכות זיין, און איר וועט זאך וועלען באגעהן מיט איהם מיט חסד, במדת-הרחמים, מיט רחמנות, וועט איר שטעלען: „ער איז שולדיג, נאר ער פארדינט א זכות."

* *

*

אין א האלבע שעה ארום האבען די 12 פריסיאזשנע ארויס געטראגען דעם ווערדיקט: „יא, ער איז שולדיג, נאר ער פארדיענט א זכות.“

דער פראקוראר מיט'ן זאשטשיטניק האבען זאך נאך א צוויי מאהל איבער געביטען מיט שמועס'ן, אין וועלכע דער פראקוראר האט געפאדערט, אז מע זאל **שמר'ן** להלוטין ארויסטרייבען פון דער ליטעראטור און מע זאל איהם פערבאטען שרייבען ראמאנען פאר'ן פאלק, און דער זאשטשיטניק האט געזאגט, אז סע איז אביסעל איבער דער מאס, אז פערבאטען שרייבען איז אביסעל צו שטרענג, אז דער משפט אליין איז שון פאר **שמר'ן** דער גרעסטער שטראף א. ז. וו.

דער פרעדסעדאטעל מיט די צוויי טשלענעס זענען אויפגע-שטאנען און זענען אוועק געגאנגען צו קלעהרען דעם משפט, און אין זאל איז געווארען א גערידער מיט א הו — הא. מע האט גערעדט, געטענה'ט, געמימעלט; דער האט געזאגט, אז מע וועט איהם פארשיקען קאטערזשנע, און דער האט געטראפען, אז סע שמעקט נאר מיט סעמביר (סיביר); מעהר פון אללע האבען גערעדט די ווייבער, אללע אין איינעם, ווי די גאנז: איינינע זענען געווען **שמר'ס** צד, און איינינע פארקעהרט; עטליכע אלטע מיידען האבען געקוקט אויף **שמר'ן** מיט רחמנות, מיט מיטלייד, מיט ליעבע... ענדליך

— שמר׳ס משפט —

װענען דער פּרעדסיעדאַטעל מיט די טשעלענעס אַרױס געגאַנגען און האָבען אױסגעלײענט פאָלגענדע רעשעניע אין פינף פּונקטען:

1.) דער סוד פּריװאַט, אַז **שמ״ר** איז גיט קײן שרײבער, נישט קײן װשאַרגאַניסט.

2.) געבען צו װיסען **שמ״ר׳ן** דורך אַ דעפּוטאַציע פון צװעלף פערזאָנען, װעלכע זאָלען איהם מכריז ומודיע זײן, אַז ער איז נישט קײן בעללעטריסט, קײן פּאָעט, קײן קינסטלער, קײן מאָראַליסט, קײן פילאָזאָף, קײן סאַטיריקער, קײן עסטעטיקער.

3.) יעדעס נײע װערק, װאָס װעט אַרױס געהען פון **שמ״ר**, זאָל עס באַלד אַרײנקומען צום קריטיקער אין די האַנט אַרײן און מען זאָל עס נעמען רעכט צו דער אַרבײט.

4.) בעטען **שמ״ר׳ן**, אַז ער זאָל זאַך דערבאַרעמען אױפ׳ן אָרעמען װשאַרגאָן און זאָל, לכל הפּחות, די אַלטע שמאַטעס זײנע נישט איבערדרוקען נאָך אַמאָל, און זײנע „העבּסט אינטערעסאַנטע״ ראָמאַנען זאָלען אַװעק אַהין, װאו הין דער ליבער שבּת-קודש געהט אַװעק.

5.) דער דאָזיגער משפּט, װאָס װערדט דאָ געסטענאָגראַפירט

וָוארְט בַּא וָוארְט דורְךְ אונְזֶער סְטֶענָאגְרַאף שָׁ ל ו ם — עֲ לֵ י כֶ ם,
זָאל תֵּיכֶּף וּמִיַּד אָפְּגֶעדְרוּקְט וֶוערֶען אִין עֶטְלִיכֶע טוֹיזִינְד עֶקְזֶעמְפְּלַיַא־
רֶען אוּנ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט וֶוערֶען צְווִישֶׁען דִי לֶעזֶער פוּנ׳ם זְשַׁארְנָאן צוּר
בִּילְלִיגְסְטֶען פְּרַייזֶען.

ענדע

דרוק פעהלער

זייטע	שורה	שטעהט	דארף שטעהן
4	21	אויסְגֶעוָואקְסֶען	אויסְגֶעווַאקְסֶען
13	21	אוֹיף	אַיין
16	23	גֶעפִּילְלֶען	גֶעפִּיעלֶען
24	18	וֶועלְכֶע	וֶועלְכֶם
27	5	אִיז	זֶענֶען
29	8	אִיבֶער זֶעצֶער	אִיבֶערְזֶעטְצֶער
31	2	גֶערֶעט	גֶערֶעדְט
32	23	סַמִין	סַמֶ׳ען
35	11	אַיין	אֵיין
47	15	פִיערְהוּנְדֶערְט (400)	פִיערְטוֹיזִינְד (4000)
54	15	דִי רַאנֶעס	דִי וואוּנְדְען
64	1	גֶעהַארְט	גֶעאַארְט
65	24	דָוִדְ׳ל	יַאקוּב דֶער מְשָׁרֵת
66	22	דָוִדְ׳ל	יַאקוּב
68	6	הָאבֶע	הָאבֶען
76	15	אַיין טִיפּ	אֵיין טִיפּ

ШАМЕРСЪ МИШПОТЪ,

или

Судъ присяжныхъ надъ всѣми романами **ШАМЕРА**.

Критическое обозрѣніе

ШУЛЕМЪ-АЛЕЙХЕМА

(псевдонимъ)

———

1888.

[illegible] Alessi [illegible] Reggio